STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10730

VL. I. LENIN

V. Sorin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-10730-1

9780657107307T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!

ו. סאָרין

װל. אי. לענין

1870—1924

קורצע ביאָגראַפיע

פאַרלאַג „עמעס“, מאָסקװע, 1931

Тип. изд-ва „Дер Эмес",
Москва, Покровка, 9
Уп. Главлита № В 2341
Тираж 6.000 экз.

וולאַדימיר איליטש לענין — דער גרעסטער געני פון רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, דער פּאָרזעצער פון מאַרקס און ענגעלסעס זאַך, דער גרינדער און פירער פון דער פּאַרטיי באָלשעוויקעס און פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, געניאַלער פּאָליטיקער, גרעסטער טעאָרעטיקער פון מאַרקסיזם, עקאָנאָמיסט און פילאָסאָף, גלענצנדיקער שריפטשטעלער און רעדנער — איז געבאָרן געוואָרן דעם 22 (10) אַפּרעל 1870 יאָר אין דער שטאָט סימבירסק, אַף וואָלגע, אין דער פאַמיליע פונעם פּאָלקשול־אינספּעקטאָר איליא ניקאָלאַיעוויטש אוליאַנאָוו. לענין איז וולאַדימיר איליטשס ליטעראַרישער פּסעוודאָנים, וואָס מיט אים האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באַנוצט אָנהייב 1902 יאָר אין בוך, „וואָס דאַרף מען טאָן?" אונטער אָט דעם נאָמען, וואָס איז געוואָרן דער קאַמף־סימבאָל פאַר אַלע עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע, איז וו. אי. אוליאַנאָוו אַריין אין דער געשיכטע.

לענינס פאָטער (געב. אין 1831), וואָס האָט געשטאַמט פון די „מעשטשאַנעס" פון דער שטאָט אַסטראַכאַן, האָט נאָכן ענדיקן דעם קאַזאַנער אוניווערסיטעט אַ לאַנגע צייט געאַרבעט אַלס לערער פון מאַטעמאַטיק און פיזיק אין די מיטלשולן פון פּענזע און ניזשני־נאָווגאָראָד. שפּעטער, אין 1869 יאָר, איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס אינספּעקטאָר פון די פּאָלקשולן פון סימבירסקער גוב. און נאָך שפּעטער, אין 1874 יאָר, אַלס זייער דירעקטאָר. ער איז געווען אַן אָנגעזעענער טוער אַפן געביט פון פּאָלקבילדונג, געווען שטאַרק איבערגעבן זיין אַרבעט און גאַנץ באַוווסט אין וואָלגער געגנט אַלס פּעדאַגאָג און אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון פּאָלקשולן. ער איז געשטאָרבן אין 1886 יאָר, ווען וול. אי. האָט זיך נאָך געלערנט אין גימנאַזיע.

לענינס מוטער — מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ בלאַנק (געב. אין 1835

יאָר) — אַ דאָקטערס אַ טאָכטער, וואָס די מיטלען זיינע האָבן ניט דערלויבט אים געבן איר אַ פאַרענדיקטע בילדונג — האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער פאַמיליע און דער דערציונג פון די קינדער. אַלע זין און טעכטער אירע, כוץ דער פרי פאַרשטאָרבענער אָלגאַ (אין 1891 יאָר), זיינען געוואָרן רעוואָליוציאָנערן: אַלעקסאַנדער איליטש — אַ נאַראָדאָוואָליעץ, וולאַדימיר איליטש, דמיטרי איליטש, אַנאַ איליניטשנאַ און מאַריאַ איליניטשנאַ — באָלשעוויקעס. לענין, וואָס האָט פון מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געיאַרשנט אַן אויסערגעוויינלעכן ווילנקראַפט און כאַראַקטערפעסטקייט, האָט זיך באַצויגן צו זיין מוטער, וואָס האָט אין לעבן דורכגעמאַכט אַסאַך צאָרעס, מיט אַ גרענעצלאָזער צוגעבונדנקייט און צערטלעכער זאָרגעוודיקייט. מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט דערגרייכט אַ טיפע עלטער און איז געשטאָרבן אין 1916 יאָר.

אינעם יאָר 1887, ניט לאַנג איידער וול. אי. האָט געענדיקט די סימבירסקער גימנאַזיע, האָט די פאַמיליע אוליאַנאָוו געטראָפן אַ שווערער אומגליק: לענינס עלטערער ברודער, אַלעקסאַנדער, זייער אַ באַגאַבטער יונגערמאַן, קוים אַלט 21 יאָר, איז אַרעסטירט געוואָרן אין פעטערבורג צוזאַמען מיט אַ גרופּע כאַוויירים־נאַראָדאָוואָלצעס באַם צוגרייטן אַן אַטענטאַט אַף אַלעקסאַנדער דעם דריטן און איז אופגעהאַנגען געוואָרן דעם 20 (8) מיי 1887 יאָר. דער אומקום פון געליבטן ברודער האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אַף וול. אי. און האָט, בעליסאָפּעק, געשפּילט אַ באַשטימטע ראָליע באַם אויסקלייבן זיין לעבנוועג, און געווירקט אַף לענינס זעלבסטבאַשטימונג אַלס רעוואָליוציאָנער.

זומער 1887 יאָר האָט לענין געענדיקט די סימבירסקער גימנאַזיע, ווו ער האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט מיט זיינע גלענצנדיקע פעיקייטן (וול. אי. האָט באַקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל), און אין זעלבן יאָר איז לענין אָנגעקומען אין קאַזאַנער אוניווערסיטעט אַפן יורידישן פאַקולטעט. אָבער ניט לאַנג איז לענין אָפּגעווען אין אוניווערסיטעט: באַלד נאָך זיין אָנקומען האָט ער גענומען אַן ענערגישן אָנטייל אין די סטודענטישע אומרוען פון 16 (4) דעקאַבער 1887 יאָר, מע האָט אים אַרעסטירט, אויסגעשלאָסן פון אוניווערסיטעט און אין עטלעכע טעג אַרום אַרויסגעשיקט פון קאַזאַן אונטער געהיימער פּאָליציי־אויפזיכט אין דאָרף קאַ־

קושקינאַ, 40 וויאָרס פון קאַזאַן. דאָ האָט לענין פאַרבראַכט דעם ווינטער און דעם זומער פון 1888 יאָר, אַסאַך געלייענט און פאַרנומען זיך מיט זעלבסטבילדונג. האַרבסט 1888 דערלויבט מען לענינען אומצוקערן זיך קיין קאַזאַן, וווהין ס'האָט זיך אַריבערגעקליבן די גאַנצע פאַמיליע אוליאַנאָוום. אָבער קיין צוטריט צום אוניווערסיטעט האָט וול. אי. ניט באַקומען. צו דערזעלבער צייט האָט דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אויך ניט דערלויבט לענינען צו פאָרן קיין אויסלאַנד קעדיי פאַרענדיקן דאָרט זיין בילדונג. אין קאַזאַן, וווּ לענין האָט געלעבט ביז פרילינג 1889 יאָר, הייבט ער אָן שטודירן מאַרקס „קאַפּיטאַל" און טרעט אַריין אין איינעם פון די אומלעגאַלע מאַרקסיסטישע קרייזלעך. פרילינג 1889 יאָר פאָרט לענין אַריבער אין דאָרף אַלאַקייעווקאַ, סאַמאַרער גוב., וווּ מ. אַ. אוליאַנאָוואַ האָט געקויפט אַ קליינעם כוטאָר. פון דעמאָלט אָן ביז האַרבסט 1893 יאָר פלעגט לענין געוויינטלעך דעם ווינטער פאַרברענגען אין סאַמאַרע און אַף זומער קומען אין אַלאַקייעווקאַ. נאָך לאַנגע הישטאַדלעסן האָט מען לענינען סאַפּקאָלסאָף דערלויבט האַלטן עקזאַמען אַלס עקסטערן באַם פּעטערבורגער אוניווערסיטעט. קומענדיק קיין פּעטערבורג, האַלט לענין אויס אַף אַ גלענצנדיקן אויפן די עקזאַמענעס פרילינג און האַרבסט 1891 יאָר. אין יאַנוואַר 1892 יאָר קריגט ער אין סאַמאַרע דעם באַרוף־גראַד פון אַ געשוואָרענעם אַדוואָקאַט, אָבער מיט יורידישער פּראַקטיק האָט זיך וול. אי. קימאַט ניט פאַרנומען, נאָר זעלטן, לויט באַשטימונג, אַרויסטרעטנדיק אין געריכט.

אין סאַמאַרע גרייט זיך לענין וווייטער צו רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט, ענערגיש שטודירנדיק די ווערק פון מאַרקס און ענגעלס, וואָס אַסאַך פון זיי זיינען דעמאָלט נאָך ניט איבערגעזעצט געוועזן אַף רוסיש, פּלעכאַנאָווס און קאַוטסקיס ווערק. ער שטודירט אויך די פּאָלקיסטישע ליטעראַטור, שטעלט צונויף קאָנספּעקטן פון די דורכגעלייענטע ביכער, שרייבט אַ ריי רעפעראַטן, מיט וועלכע ער באַקענט די אָרטיקע מאַרקסיסטן, פּאָלעמיזירט מיט די פּאָלקיסטן פון פאַרשיידענע ניואַנסן און פירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט די מאַרקסיסטן פון אַנדערע שטעט (מיט נ. יע. פעדאָסייעוון, פּ. פּ. מאַסלאָוון). בעייסן גוואַלדיקן הונגער, וואָס האָט אינעם יאָר 1891 אַרומגעכאַפּט אַ ריי גובערניעס, טרעט לענין

אַרויס קעגן די פּרוּוון פון דער ליבעראַלער אינטעליגענץ ,אונטערן פלאַג פון דער נויטקייט צו געבן הילף די הונגעריקע, אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פאָרגעשריטענער יוגנט פונעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשערישער אָרדענונג. פאַר דער לעצטער צייט פון לענינס זיין אין סאַמאַרע אָרגאַניזירט ער צוזאַמען מיט א. פּ. סקליאַרענקאָ און אי. כ. לאַלאַיאַנץ אַ מאַרקסיסטישן אידעישן צענטער, וואָס ציט אַריין דעם בעסטן טייל צווישן דער סאַמאַרער יוגנט, וועלכער עוואָליוציאָנירט פונעם פאָלקיזם צום מאַרקסיזם.

האַרבסט 1893 יאָר פאָרט לענין אַריבער אין דער הויפּטשטאָט און גרעסטן אינדוסטריעלן צענטער פון צאַרישן רוסלאַנד — אין פּעטערבורג — קעדיי צו פירן די רעוואָליוציאָנערע אַרבעט. ער קומט אַהין שוין אַ פולשטענדיק אויסגעבילדעטער מאַרקסיסט מיט אַ גאַנצן און פאַרענדיקטן וועלטבאַנעם, באַהערשנדיק אויסגעצייכנט דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד און פאַרמאָגנדיק אַ קאָלאָסאַלע ערודיציע. לענין טרעט אַריין אין דער מאַרקסיסטישער גרופּע פון די „אַלטע" (ג. קראַסין, ג. קרזשיזשאַנאָווסקי, ס. ראַדטשענקאָ א. א.), וואָס האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט די אַרבעטער און געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע אין אַרבעטערקרייזלעך, און אין אַ קורצער צייט אַרום ווערט ער דער לידער פון דער גרופּע. אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק האָט אַף די מיטגלידער פון דער גרופּע געמאַכט לענינס פאָרטראָג וועגן מערק (סאָף 1893 יאָר), אין וועלכן לענין האָט אָנגעוויזן די מיטגלידער פונעם קרייזל אַף דער נויטיקייט אַריבערצוגיין פון אַן אַבסטראַקטן, ריין „אַקאַדעמישן" באַהאַנדלען די פאַרשיידענע פראַגן פון דער עקאָנאָמישער טעאָריע צו אַ קאָנקרעטן דערלערנען די רוסישע עקאָנאָמישעווירקלעכקייט און צו פאַרבינדן אָט די פאָרשונגען מיט די פּראַקטישע אויפגאַבן פונעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף. לענינס פאָרטראַג איז געוואָרן אַן „איבערבראָך-מאָמענט" אין דער געשיכטע פון דער גרופּע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער געזעלשאַפטלעכער אויפלעבונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אַפן באָדן פונעם הונגער פון די יאָרן 1891—1892, ווערט דער מאַרקסיזם אַ קאָנטיקע דערשיינונג אינעם רוסישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. די פאָלקיסטישע אידעאָלאָגיע, וואָס האָט ביז דעמאָלט קימאַט

אומבאַגרענעצט באַהערשט די מויכעס פֿון דער פֿאָרגעשריטענער יוגנט, הייבט אָן אונטערן אָנגריף מיצאַד די מאַרקסיסטן צו פֿאַרלירן איר ווירקונג. סאָף 1893 יאָר הייבט אָן דער פירער פון די פֿאָלקיסטן — נ. מיכאַילאָווסקי — אַ ליטעראַרישע קאַמפּאַניע קעגן די רוסישע מאַרקסיסטן. אַלס ענטפער אַף מיכאַילאָווסקיס אַרויסטריט שרייבט לענין פרילינג און זומער 1894 יאָר זיין גלענצנדיקע אַרבעט „וואָס זיינען אַזוינס די „פריינט פון פֿאָלק" און ווי אַזוי האַלטן זיי מילכאָמע מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן?", אין וועלכער ער גיט אַ צעשמעטערנדיקע קריטיק די פילאָזאָפישסאָציאָלאָגישע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אָנשוויונגען פון אַזעלכע זיילן פונעם פֿאָלקיזם, ווי מיכאַילאָווסקי, קריווענקאָ, יוזשאַקאָוו. די „פריינט פון פֿאָלק" (פון די דריי טיילן פון די „פריינט" זיינען ביז אונדז דערגאַנגען בלויז צוויי טיילן — דער ערשטער און דער דריטער), וואָס זיינען אַרויסגעגעבן אומלעגאַל, אַף אַ העקטאָגראַף, האָבן קאָלאָסאַל געהאָלפן די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן אין זייער קאַמף מיטן פֿאָלקיזם.

אין די „פריינט פון פֿאָלק" האָט לענין, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען 24 יאָר, געגעבן אַ ריי טאַקטישע אידייען, וואָס זיינען שפּעטער אין אַ פאַנאַנדערגעוויקלטער פאָרם אַריין אַלס יעסאָד אין דער באָלשעוויסטישער טעטיקייט אין דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר און אין די ווייטערדיקע יאָרן. געענדיקט האָט זיך די בראָשור מיט די נעווייִשע ווערטער, וואָס שטרייכן אונטער די אידיי פונעם פּראָלעטאַריאַטס העגעמאָניע: „אַפן אַרבעטער־קלאַס וועגדן טאַקע די סאָציאַלדעמאָקראַטן זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און זייער גאַנצע טעטיקייט. ווען זיינע פאָרגעשריטענע פאָרשטייער וועלן באַנעמען די אידייען פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, די אידיי וועגן דער היסטאָרישער ראָליע פון רוסישן אַרבעטער, ווען אָט די אידייען וועלן זיך ברייט פאַרשפּרייטן און בא די אַרבעטער וועלן באַשאַפן ווערן פעסטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרוואַנדלען דעם איצטיקן צעשפּליטערטן עקאָנאָמישן קאַמף פון די אַרבעטער אין אַ באַוווסטזיניקן קלאַסנקאַמף, — דעמאָלט וועט דער רוסישער אַרבעטער אופהויבן זיך אין שפּיץ פון אַלע דעמאָקראַטישע עלעמענטן, איינוואַרפן דעם אַבסאָליוטיזם און אַוועקפירן דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט

(באגלייך מיטן פראלעטאריאט פון אלע לענדער) מיט גלייכן וועג פון אפענעם פאליטישן קאמף צו דער ניצאכנדיקער קאמוניסטישער רעוואליוציע". אין דערזעלבער בראשור שטעלט לענין פאר די ארבעטער אלס די נאענטסטע אופגאבע „צו ארגאניזירן א סאציאליסטישע ארבעטער־פארטיי".

אין הארבסט 1894 יאר איז דערשינען סטרוועס באוווסטער בוך („קריטישע נאטיצן צו דער פראגע מיקוייעך דער עקאנאמישער אנטוויקלונג פון רוסלאנד"), וואס איז געווענדעט קעגן די פאלקיסטן. סטרווע פלעגט אין יענע יארן אופטרעטן אלס מארקסיסט און פלעגט האבן א גרויסע ווירקונג אף דער יוגנט. לענין האט גלייך דעמאלט אף א קאנספיראטיווער דיסקוסיע־פארזאמלונג, אין וועלכער סטרווע האט גענומען אנטייל, אנגעוויזן אף זיינע אפווייכונגען פונעם רעוואליוציאנערן מארקסיזם אין א ריי פראגן און האט כאראקטעריזירט זיין שטאנדפונקט ווי אן „אפשפיגלונג פון מארקסיזם אין דער בורזשואזער ליטעראטור". צוגלייך דערמיט פלעגט זיך לענין ניט אפזאגן אויסצונוצן סטרוועון אלס א פארבינדעטן אין קאמף קעגן געמיינזאמען סוינע — דער פאלקיסטישער אידעאלאגיע. צוזאמען מיטן פירער פון דער אויסלענדישער גרופע „באפרייונג פון ארבעט"—פלעכאנאוון און מיט סטרוועון — דעם לידער פון די לעגאלע מארקסיסטן, האט לענין זיך באטייליקט אינעם מארקסיסטישן זאמלבוך „מאטעריאלן צו דער פראגע וועגן דער ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג פון רוסלאנד". די אנגעזעענסטע ארבעט אין דעמדאזיקן זאמלבוך איז געווען לענינס ארטיקל, אונטערן פסעוודאנים ק. טולין: „דער עקאנאמישער אינהאלט פונעם פאלקיזם און זיין קריטיק אין הער סטרוועס בוך". אין אט דעם גרויסן ארטיקל דעקט לענין אויף טריט בא טריט אף וויפל עס איז ניט באפרידיקנדיק דער „מארקסיזם" פון סטרוועון, וואס האט דורך מארקסיזם פארשלייערט זיין בורזשואזן ליבעראליזם; צוגלייך דערמיט גיט לענין א געהעריקע אפשאצונג פון דער פאלקיסטישער אידעאלאגיע, כאראקטעריזירנדיק די פאלקיסטן אלס פארשטייער פון די אינטערעסן פון די קליינע פראדוצירער און אנווייזנדיק אפן צווייענדיקן כאראקטער פונעם פאלקיזם, וואס פארמאגט, באגלייך מיטן רעאקציאנערן און אוטאפישן „סאציאליזם", אויך

א פאזיטיוון בורזשואז־דעמאקראטישן אינהאלט. דעמדאזיקן זאמלבוך, וואס איז געדרוקט געווארן אין מיי 1895 יאר, האט די צענזור פארברענט, ס'איז אבער פארט געלונגען אפצוראטעווען און צו פארשפרייטן עטלעכע צענדליק עקזעמפליארן.

ניט באגרענעצנדיק זיך מיטן ליטערארישן קאמף קעגן פאלקיזם און קעגן לעגאלן מארקסיזם, פירט לענין א פראפאגאנדע אין די ארבעטער־קרייזלעך, לייענענדיק פאר די ארבעטער און דערקלערנדיק זיי מארקס „קאפיטאל". אין דער צווייטער העלפט 1894 יאר שטעלט לענין אוועק פאר דער גרופע „אלטע" די פראגע וועגן דער נויטיקייט אריבערצוגיין פון פראפאגאנדע אין געשלאסענע קרייזלעך צו אגיטאציע צווישן די ארבעטער־מאסן אפן באדן פון די עקאנאמישע באדערפענישן, ארויסלאזנדיק אגיטאציע־בלעטלעך פאר די ארבעטער. אין סאמע אנהויב 1895 יאר, אין צוזאמענהאנג מיט די אומרוען אפן סעמיאניקאווער זאוואד, שרייבט לענין א בלעטל צו די ארבעטער פון אט דעם זאוואד. דאס איז געווען דאס ערשטע בלעטל, וואס ס'האט ארויסגעגעבן די גרופע „אלטע", וועלכע האט אזוי ארום, מיט לענינס איניציאטיוו און אונטער זיין אנפירונג אריבערגעגאנגען צו נייע ארבעט־מעטאדן. אין פעווראל לאזט די גרופע ווידער ארויס בלעטלעך צו די פארט־ארבעטער און צו די ארבעטער פון סעמיאניקאווער זאוואד, ווו ס'האבן זיך איבערגעכאזערט די אומרוען. זייענדיק אן ענערגישער אנהענגער פון דער נייער טאקטיק, טרעט לענין גלייכצייטיק ארויס קעגן יענע סאציאלדעמאקראטן, פארשטייער פונעם „עקאנאמיזם", וואס האט יעמאלט ערשט געהאלטן באם געבארן ווערן, וועלכע האבן געהאלטן פאר נויטיק צו באגרענעצן די ארבעטער־באוועגונג אויסשליסלעך מיטן עקאנאמישן קאמף, און ער פארטיידיקט דעם קאמף פון ארבעטער־קלאס אויך פאר ריין פאליטישע אופגאבן.

פרילינג 1895 יאר איז לענין קראנק געווארן אף לונגן־אנטצינדונג. נאך דעם ווי ער איז געקומען צו זיך פון דער קראנקייט, איז ער דעם 8 מיי (26 אפרעל) ארויסגעפארן קיין אויסלאנד קעדיי איינצושטעלן א פארבינדונג מיט דער גרופע „באפרייונג פון דער ארבעט" און קעדיי צו באווארענען דאס אריבערשיקן אומלעגאלע ליטעראטור קיין רוסלאנד.

פאַר דער צייט פון זיין אופהאַלטן זיך אין אויסלאַנד איז לענין געווען אין דער שווייץ, אין פּאַריז, ווו ער האָט זיך באַקאָנט מיטן באַוווּסטן פראַנצויזישן סאָציאַליסט לאַפאַרג, אין בערלין, ווו ער האָט געאַרבעט אין אַ ביבליאָטעק. באַם זעען זיך מיט פּלעכאַנאָוון און אַקסעלראָדן האָט לענין אַדורכגעפירט אַ באַשלוס וועגן דעם, אַז די גרופּע זאָל אַרויסגעבן אַ פּעריאָדישן זאַמלבוך „דער אַרבעטער" אַף צו באַדינען די אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד. נאָך אַ 4־כאַדאָשעמדיקן פאַרברענגען אין אויסלאַנד האָט זיך לענין דעם 19 (7) סענטיאַבער אומגעקערט קיין פּעטערבורג, האָבנדיק אַפריער באַזוכט ווילנע, מאָסקווע און אָריעכאָוואָ־זויעוואָ קעדיי איינצושטעלן פאַרבינדונגען מיט די דאָרטיקע סאָציאַלדעמאָקראַטן. האַרבסט 1895 יאָר האָט זיך די אָרגאַניזאַציע פון די „אַלטע", וואָס האָט שפּעטער אַ נאָמען געקראָגן „פּעטערבורגער פאַרבאַנד צו קעמפן פאַר דער באַפרייונג פון אַרבעטער־קלאַס", אונטער דער אָנפירונג פונעם גרינדער פון פאַרבאַנד, לענינען, ענדגילטיק אַוועקגעשטעלט אַפן וועג פון מאַסן־אַגיטאַציע. אַ באַזונדערס גרויסע באַדייטונג האָט געהאַט דער שטרייק אַף טאָרנטאָנס פאַבריק דעם 18—19 (6—7) נאָיאַבער, וועלכער האָט זיך אָנגעהייבן נאָכדעם ווי אַפן פאַבריק האָט זיך באַוויזן אַ פּלוגבלעטל, וואָס איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן פונעם פאַרבאַנד. דעררעָזוי־קער שטרייק איז ענג פאַרבונדן מיט לענינס נאָמען, ווייל לענין האָט אומיטלבאַר אָנגעפירט מיטן צוגרייטן דער שטרייק, מיטן אויספרעגן טאָרנטאָנס אַרבעטער וועגן דער לאַגע אַפן פאַבריק א. א. וו. ער האָט אויך אָנגעשריבן איינע פון די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס זיינען אַרויסגעלאָזן געוואָרן צו די טאָרנטאָנער. דעמאָלט טאַקע, האַרבסט 1895 יאָר האָט לענין אָנגעשריבן זיין בראָשור, וואָס איז געוואָרן זייער פּאָפּולער באַ די אַרבעטער, „דערקלערונג פונעם געזעץ איבער שטראָף־אָפּצאָלן, וואָס ווערן גענומען פון אַרבעטער אַף פאַבריקן און זאַוואָדן".

דער פאַרבאַנד, וואָס צו אים האָבן געהערט ג. קרזשיזשאַנאָווסקי, נ. קרופּסקאַיאַ (מיט נאַדעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ האָט לענין זיך באַקאָנט אָנהייב 1894 יאָר) א. א. און וואָס האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פון דער שטרייק־באַוועגונג, איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן, פלעגט וואָס וויטער אַלץ מער רייכער ווערן אין נייע קרעפטן, פלעגט אָנקניפּן נייע

פאַרבינדונגען. קעדיי צו קאָנצענטרירן די כוחות האָט לענין דורכגעפירט די פאַראייניקונג מיט ל. מאַרטאָווס גרופּע, וואָס איז רייך געווען אין אינטעליגענטישע קרעפטן, וואָס האָט אָבער אומיטלבאַר אין די מאַסן ניט געאַרבעט. אַדאַנק דער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג באַקומט לענין די מעגלעכקייט אַוועקצושטעלן די פראַגע מיקויעך אַרויסלאָזן די אומלעגאַלע צייטונג „ראַבאָטשעיע דיעלאָ". ס'איז גראָד שוין פּאַרטיק געווען דער ערשטער נומער פון דער צייטונג, וואָס איז אַף דריי פערטל באַשטאַנען פון לענינס אַרטיקלען און וואָס האָט אונטערגעשטראָכן, אַז פאַרן אַרבעטער־קלאַס איז נויטיק צו פירן אַ קאַמף פאַר פּאָליטישער פרייהייט, ווען אין דער נאַכט צווישן 20 (8) און 21 (9) דעקאַבער 1895 יאָר זיינען אַ גרויסע צאָל טוער פונעם פאַרבאַנד, דערונטער לענין, אַרעסטירט געוואָרן און אַריינגעזעצט געוואָרן אין טפיסע, ווו לענין איז אָפּגעווען אַ יאָר מיט 2 כאַדאָשים. אין אַווגוסט 1896 יאָר האָט האָט מען אַרעסטירט נ. קרופּסקאַיאַ.

זיצנדיק אין טפיסע, האַלט לענין ווייטער די פאַרבינדונגען מיט די פריי־געבליבענע כאַווירים און שרייבט פאַרן פאַרבאַנד בלעטלעך („דער צאַרישער רעגירונג") און בראָשורן (די בראָשור „וועגן שטרייקן" איז אומגעקומען באַם דורכפאַל פון דער דרוקעריי). מיטן וואַקסן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג ווערט באַ די פּעטערבורגער סאָציאַל־דעמאָקראַטן געבאָרן אַ געדאַנק וועגן צונויפרופן אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר צוליב דער פאָרמעלער גרינדונג פון דער פּאַרטיי; פאַר דעמדאָזיקן צוזאַמענפאָר (וואָס איז ניט פאָרגעקומען) האָט לענין אָנגעשריבן אַ פּראָגראַם־פּראָיעקט מיט אַ דערקלערונג צו אים. אויספילנדיק אַ ריי ליטעראַרישע אויפטראָגן פונעם פאַרבאַנד, באַנוצט לענין זיין זיצן אין טפיסע קעדיי ווייטער צו דערגאַנצן זיינע קענטענישן און אַרבעט, קוידעמקאָל, איבער זיין גרויסן ווערק: „די אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד".

דעם 10 פעוורואַל 1897 יאָר באַשטעטיקט ניקאָלאַי דער צווייטער די פאַראָרדענונג פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט וועגן אַרויסשיקן אַף 3 יאָר קיין מיזרעך־סיביר די מיטגלידער פון פאַרבאַנד, וואָס זיצן אין טפיסע. לענין פאָרט אַרויס אין פאַרשיקונג, אין דאָרף שושענסקאָיע, מינוסינסקער קרייז, יעניסייער גובערניע. פאַרן אָפּפאָרן האָט מען לענינען און

אַנדערע מיטגלידער פון פאַרבאַנד אַרויסגעלאָזן אַף עטלעכע טעג פון טפיסע אַף צוגרייטן זיך אין וועג. לענין האָט אויסגענוצט אָט דעם „אורלויב" צו זעען זיך מיט די פריי־געבליבענע מיטגלידער פון פאַרבאַנד און אַף די באַראַטונגען מיט זיי איז לענין אַרויסגעטראָטן קעגן דעם עקאָנאָמיזם, וואָס מע האָט אָנגעהייבן צו באַמערקן בײַ אַ טייל פעטערבורגער סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

געפינענדיק זיך אין פאַרשיקונג, אָפּגעריסן פון רוסלאַנד, פון דער אומיטלבאַרער אַרבעט אין די מאַסן, האַלט לענין אונטער פון דאָרטן אַן ענגע פאַרבינדונג מיט די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און מיט דער אויסלענדישער גרופע „באַפרייונג פון דער אַרבעט", אויפמערקזאַם נאָכשפירנדיק די אַנטוויקלונג פונעם רוסישן און מײַרעוו־אייראָפּעישן מאַרקסיסטישן געדאַנק.

שוין די סאַמע ערשטע אַרויסטריטן פון די רעוויזיאָניסטן, וואָס האָבן אָנגעהייבן רעווידירן מאַרקס לערע אין פילאָזאָפיע, פּאָליטישער עקאָנאָמיע און אין דער אַגראַר־פראַגע, באַגעגענען אַ שאַרפן ווידערשטאַנד מיצאַד לענינען, וועלכער פאַרטיידיקט דעם מאַרקסיזם פון יעטווידער פּרווו „אויסצובעסערן" אים. לענין טוט דאָס טיילווײַז אין זײַנע בריוו צו כאַווײַרים, דעריקער אָבער אין אַרטיקלען, וואָס ווערן געדרוקט אין די לעגאַלע זשורנאַלן („נאָוואָיע סלאָוואָ", „נאַטשאַלאָ", „זשיזן", „מיר באָזשי", „נאַוטשנאָיע אָבאָזרעניע"). אפן פילאָזאָפישן געביט גרענעצט זיך לענין אָפּ פון דער שטרעבונג מיצאַד די רעוויזיאָניסטן צו פאַרבײַטן דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם מיט נעאָקאַנטיאַנעריי און ער סאָלידאַריזירט זיך אינגאַנצן מיט פּלעכאַנאָווס פילאָזאָפישע אַרטיקלען, וואָס זײַנען געווענדעט קעגן די רעוויזיאָניסטן. ביכלאַל, פאַרנעמט זיך לענין אין דעם פעריאָד זייער שטאַרק מיט פילאָזאָפיע. ער שטודירט האָלבאַכן, העלוועציען, קאַנטן, העגעלן א. א. אין זײַן גרויסן אַרטיקל „דער קאַפּיטאַליזם און די לאַנדווירטשאַפט" נעמט ער אונטער זײַן שוץ קאַוטסקיס מאַרקסיסטישע אַרבעט איבער דער אַגראַר־פראַגע קעגן די אָנפאַלן מיצאַד בולגאַקאָוון, וואָס האָט זיך געפּרווט דערווײַזן, אַז די אַנטוויקלונג־געזעצן פונעם קאַפּיטאַליזם לאָזן זיך ניט אָנווענדן צו דער לאַנדווירטשאַפט און אַז מע קען אויך ניט אָנווענדן אַף דעם געביט די

מעטאָדן פונעם מאַרקסיזם. לענין האָט אויך גענומען אָנטייל אין דער ליטעראַרישער דיסקוסיע איבער דער פראַגע וועגן דער טעאָריע פון מערק, פאַרטיידיקנדיק מאַרקס אָנשויונגען אַף דעם געביט און באַווייזנדיק דעם רעוואָליוציאָנערן כאַראַקטער פון דער ריין־עקאָנאָמישער טעאָריע פון מאַרקסיזם, אין וועלכן די רעוויזיאָניסטן האָבן געלייקנט. אַ באַזונדערס פיינטלעכע באַציונג האָט מיצאַד לענינען באַגעגנט בערנשטיינס באַוווסטער בוך, וואָס איז געווען דאָס עוואַנגעליום פונעם רעוויזיאָניזם.

זומער 1899 יאָר, געפינענדיק זיך אין פאַרשיקונג נעמט לענין אונטער אָנראַכמאָנעסדיקער קריטיק דאָס „קרעדאָ" — איינעם פון די פריסטע דאָקומענטן פונעם עקאָנאָמיזם. דער „פראָטעסט" קעגן „קרעדאָ", וועלכער איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך לענינען און אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך דער גרופע פאַרשיקטע סאָציאַלדעמאָקראַטן און שפּעטער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אויסלאַנד, האָט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס מיטגעהאָלפן פאַרשטאַרקן די פּאָזיציעס פון די רעוואָליוציאָנערע מאַרקסיסטן, וואָס האָבן מיט פלעכאַנאָוון בעראָש געפירט אַ קאַמף קעגן אַריינדרינגען פונעם אָפּאָרטוניזם אין די רייען פון דער רוסישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. צום סאָף פון זעלבן יאָר איז לענין אַרויסגעטראָטן מיט אַן אַרטיקל, וואָס איז דעמאָלט ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, קעגן דער „ראַבאָטשאַיאַ מיסל" — דעם אָרגאַן פון די עקסטרעמע עקאָנאָמיסטן, כאַראַקטעריזירנדיק איר ריכטונג אַלס אַ „פאַרשטענדלעכע", אַלס אַ טראָט צוריק אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט שוין דערגרייכט. צו דער צייט פון לענינס אופהאַלטן זיך אין סיביר געהערט אויך זיין בראָשור „די אופגאַבן פון די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן" (1897), וועלכע האָט אונטערגעשטראָכן די אָנפירנדיקע ראָליע פונעם פראָלעטאַריאַט אין דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע, וואָס איר צוגרייטונג איז געווען דער גרונט־אינהאַלט פון לענינס פּאָליטישער און פובליציסטישער טעטיקייט אין די יאָרן 1895—1905. די בראָשור איז זייער וואַרעם באַגעגנט געוואָרן מיצאַד דער גרופע „באַפרייונג פון דער אַרבעט".

קעמפנדיק קעגן רעוויזיאָניזם און קעגן אָפּאָרטוניסטישן פליגל פון

דער רוסישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און פאַנאַנדעראַרבעטנדיק אין אַ פאָזיטיווער פאָרם די אויפגאַבן פון דער פאַרטיי (כוץ דער אויבנדערמאָנטער בראָשור, געהערט אַהער אויך דער „פּראָיעקט פון דער פּראָגראַם פון אונדזער פאַרטיי", וואָס לענין האָט אָנגעשריבן אין סיביר אין יאָר 1899), זעצט פאָר לענין צו פירן דעם קאַמף קעגן פאָלקיזם (אַ גרויסער אַרטיקל אין יאָר 1897 „צו דער כאַראַקטעריסטיק פונעם עקאָנאָמישן ראָמאַנטיזם"), אָנווייזנדיק אַפן קלייבירגערלעכן און רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פונעם פאָלקיסטישן סאָציאַליזם און דעפינירנדיק אים ווי „איינעם פון די מינים פון אַלגעמיין-אייראָפּעישן ראָמאַנטיזם". אונטערשטרייכנדיק דעם „רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון דער פאָלקיסטישער קריטיק פונעם קאַפּיטאַליזם", דעקט לענין גלייכצייטיק אויף אין אַ ריי אַרטיקלען, אַז ס'איז פאַראַן אַ רעוואָליוציאָנער-דעמאָקראַטישע זייט אינעם פאָלקיזם, אויף וויפל ער שפּיגלט אָפּ די אינטערעסן פון די קליינע פּראָדוצירער (פויערטום), וואָס קעמפן קעגן אַדל און קעגן די רעשטלעך פונעם לייבאייגנטום.

אינעם יאָר 1899 איז דערשינען די גרויסע אַרבעט לענינס, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעהייבן אין טפיסע און פאַרענדיקט אין סיביר — „די אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד". דאָס דאָזיקע פונדאַמענטאַלע ווערק, וואָס איז געבויט אַפן גרונט פון אַ זאָרגזאַמער דורכשטודירונג אַ אומגעהויערע מאַסע סטאַטיסטישע אָנגאַבן און וואָס שטעלט פאָר אַ מוסטער פון וויסנשאַפטלעכער אויספאָרשונג, האָט געגעבן דעם „אַנאַליז פון דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער אָרדענונג, און דעריבער אויך פון דער קלאַסן-סטרוקטור פון רוסלאַנד" אין דער פאַר-רעוואָליוציאָנערער עפּאָכע. דער בוך, וואָס האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע באַדייטונג אין דער אַנטוויקלונג פונעם מאַרקסיסטישן עקאָנאָמישן געדאַנק, האָט ענדגילטיק צושטערט די פאָלקיסטישע באַגריפן וועגן די אַנטוויקלונג-וועגן פון די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אינעם רוסישן דאָרף, באַווייזנדיק איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז דערדאָזיקער אַנטוויקלונג-וועג איז דער קאַפּיטאַליסטישער. דאָס ספּעציעלע געוויכט פונעם פּראָלעטאַריאַט און פונעם פויערטום אין דער עקאָנאָמיק פון לאַנד האָט פאַרויסבאַשטימט דעם בורזשואַז-דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון דער קומענ-

דיקער רעוואָליוציע און די אומפאַרמיידלעכקייט פון דעם, אַז די אַנ־פירנדיקע ראָליע אין איר זאָל געהערן דעם אַרבעטער־קלאַס. דער בוך איז דערשינען לעגאַל ווי אַן אַרבעט פון „וו. אילין“ און איז איבער־געדרוקט געוואָרן אין 1908 יאָר.

כוץ אַ ריי אַרטיקלען פאַר זשורנאַלן און גרעסערע אַרבעטן, האָט לענין אין סיביר אָנגעשריבן אַ פּראָפּאַגאַנדע־בראָשור פאַר אַרבעטער „דער נייער פאַבריק־געזעץ“, וואָס איז דערשינען אין אויסלאַנד אין 1899 יאָר.

בעשאַס לענין איז געווען אין סיביר איז פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי (אין 1898 יאָר), וואָס האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן די „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ“ אַלס צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי (דער באַשלוס איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן). מ'האָט געדע־כנט, אַז לענין וועט זיין דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. לענין האָט אָנגעשריבן פאַר איר אין יאָר 1899 עטלעכע אַרטיקלען, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט אין 1925 יאָר.

פרילינג 1898 איז קיין שושענסקאָיע געקומען נ. קרופּסקאַיאַ, וועלכע מע האָט פריער פאַרשיקט קיין אופאַ און נאָכדעם אַריבערגעפירט קיין שושענסקאָיע. דאָ האָט קרופּסקאַיאַ כאַסענע געהאַט מיט לענינען. פון דער צייט ביז לענינס טויט איז נ. קרופּסקאַיאַ קעסיידער געווען זיין נאָענטסטער פריינט און העלפער.

צום סאָף פון זיין אופהאַלטן זיך אין פאַרשיקונג אַרבעט לענין זייער אַסאַך איבערן גדאַנק וועגן דער נויטיקייט צו אָרגאַניזירן אין אויס־לאַנד, ווייט פון דער שליטע פון דער רוסישער פּאָליציי, אַן אומלעגאַלע צייטונג — די קומענדיקע „איסקראַ“, אַלס אַ פאָרבאַדינג אַף צו שאַפן אַ רעוואָליוציאָנערע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי. אַף צו פאַרווירקלעכן אָט דעם ציל שלאָגט לענין פאָר אַ „דרייבונד“ ל. מאַרטאָוון (טורוכאַנער געגנט) און א. פּאָטרעסאָוון (וויאַטקאַ). זיין פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען. אַדורכפירן אָט די נייע ליטעראַרישע אונטערנעמונג האָט לענין גערעכנט צוזאַמען מיט דער גרופּע „באַפרייונג פון דער אַרבעט“.

דעם 11 פעוראַל (29 יאַנוואַר) 1900, ווען עס האָט זיך געענדיקט

זיין פארשיקונג, האט זיך לענין אומגעקערט קיין רוסלאנד און קעדיי צו פארענדיקן די פארלויפיקע ארבעט אף צוגרייטן דאס ארויסגעבן די „איסקרא" (פירן אונטערהאנדלונגען מיט די כאווירים, וואס בלייבן אין רוסלאנד, וועגן הילף פאר דער צייטונג און וועגן שיקן קארעספאנדענצן, שאפן געלט־מיטלען) האט ער זיך צייטווייליק באזעצט אין פסקאוו, ניט ווייט פון פעטערבורג, וווהין ס'איז אים פארבאטן געווען אריינצופארן. דא, אף דער אזוי גערופענער פסקאווער באראטונג, אף וועלכער ס'זיינען אויך בייגעווען פארשטייער פון די לעגאלע מארקסיסטן, וואס האבן פארמאגט גרויסע פארבינדונגען צווישן דער בורזשואזער אינטעליגענץ, איז ענדגילטיק באשלאסן געווארן די פראגע וועגן ארויסגעבן די צייטונג און ס'איז אנגענומען געווארן די פראגראם אירע, וואס לענין האט פארגעשלאגן. פאר דער צייט פון זיין אופהאלטן זיך אין רוסלאנד ביזן אפפארן קיין אויסלאנד, האט לענין באזוכט פעטערבורג (אומלעגאל), מאסקווע, ניזשני־נאווגאראד, אופא, וו ס'האט זיך געפונען נ. קרופסקאיא, וואס האט שוין געהאלטן באם סאף פון איר פארשיקונג־טערמין — מיטן צוועק איינצושטעלן פארבינדונגען מיט די ארטיקע סאציאלדעמאקראטן. אף איינער פון אזוינע נעסיעס קיין פעטערבורג סאף מיי 1900 איז לענין ארעסטירט געווארן צוזאמען מיט מארטאוון און איז נאך א 10־טעגיקן ארעסט באפרייט געווארן. דעם 29 (16) יולי 1900 פארענדיקט לענין די גאנצע ארבעט פון צוגרייטן די „איסקרא", זעט זיך מיט זיינע קרוווים און פארט ארויס אין אויסלאנד, אין דייטשלאנד און שווייץ, קעדיי צו ארגאניזירן דאס ארויסגעבן פון דער „איסקרא". עס הויבט זיך אן דער פעריאד פון לענינס עמיגראציע, וואס האט געדויערט בא 5½ יאר.

***

נאך לאנגדויערנדיקע אונטערהאנדלונגען אין זשענעווע (שווייץ) מיט דער גרופע „באפרייונג פון דער ארבעט", וואס האבן זיך שיר ניט געענדיקט מיט אן איינרייס, האט זיך סאפקאלסאף איינגעגעבן לענינען און זיין באגלייטער, פאטרעסאוון, צו דערגרייכן א פארשטענדיקונג מיט פלעכאנאוון, און לענין, וואס האט זיך באזעצט אין מיונכען, האט בא־

קומען א מעגלעכקייט צוצוטרעטן צום ארויסגעבן די צייטונג „איסקרא" און דעם טעאָרעטישן אָרגאַן „זאַריאַ". די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון לענינען, מאַרטאָוון, פּאָטרעסאָוון, פּלעכאַנאָוון, אַקסעלראָדן און זאַסו־ליטש. די ערשטע צייט, איידער ס'זיינען געקומען נ. קרופּסקאַיאַ און מאַרטאָוו (ביידע זיינען זיי געקומען ערשט אין פרילינג דעם אַנדערן יאָר) איז לענינען אויסגעקומען צו אַרבעטן אַליין ארויסלאָזן די צייטונג בײַ זייער שווערע באַדינגונגען (די צייטונג האָט זיך געדרוקט אומ־לעגאַל אין לייפּציג אין דער דרוקעריי פון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי). סאָפּקאָלסאָף האָט מען בײַגעקומען אַלע שטע־רונגען, און אין דעקאַבער 1900 יאָר איז אַרויס דער ערשטער נומער „איסקרא", אָט די דורכויס „באָלשעוויסטישע לויט איר ריכטונג" (לענין) צייטונג, וואָס האָט געשפּילט אַן אויסשליסלעכע ראָליע אין דער געשיכטע פון אונדזער פּאַרטיי.

די „איסקרא", וואָס איז באַגייסטערט געווען דורך לענינען און וואָס אירע קעגנער האָבן מיט רעכט גערופן די „לענינשע" „איסקרא", האָט געשאַפן אונדזער פּאַרטיי, אויסאַרבעטנדיק איר פּראָגראַם, טאַקטיק און אָרגאַניזאַציע. באַגלייך מיט דער „איסקרא" האָט לענין געשאַפן די „איסקרא־אָרגאַניזאַציע", וואָס די מיטגלידער אירע, די באַרימטע „אַגענטן" פון דער „איסקרא" זיינען שטענדיק אינסטרוקטירט געווען דורך לענינען און האָבן געפירט אין רוסלאַנד אַן ענערגישן קאַמף אַף בײַצוקומען דעם עקאָנאָמיזם, פאַר רעאָרגאַניזירן די קאָמיטעטן אַף איסקרישע יעסוידעס, דערפאַר, אַז די קאָמיטעטן זאָלן אָנערקענען די „איסקרא" אַלס דעם אָנפירנדיקן אָרגאַן, פאַר צונויפרופן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר, וואָס האָט באַדאַרפט שאַפן אַווירקלעך רעוואָליוציאָנערע פּאַרטיי פונעם פּראָלעטאַריאַט אַלס אַן אָרגאַניזירטעם גאַנצעם.

לענין האָט אָנגעפירט מיט דער „איסקרא" אין גייסט פון אָנפּשאָ־רעסדיקן קאַמף קעגן אַלע בורזשואַזע (ליבעראַלן, „סטרוווויזם") און קליינבירגערלעכע (פּאָלקיזם, עסערן) שטרעמונגען און ריכטונגען פונעם פּאָליטישן געדאַנק, קעגן אַלע אָנטפּלעקונגען פונעם אָפּאָרטוניזם אינע־ווייניק אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע (עקאָנאָמיזם). סאָף 1901 יאָר האָבן די עקאָנאָמיסטן, וואָס קעגן זיי האָט לענין געפירט אַן ענערגישע

אטאקע אין דער „איסקרא“, ארויסגעוויזן טענדענצן שאַלעם צו מאַכן און צו פאַרייניקן זיך מיט די איסקראָווצעס. איבערצייגנדיק זיך, אַז די עקאָנאָמיסטן זיינען ניט פעיק צו שטעלן זיך אַפן באָדן פונעם רעוואָ־ליוציאָנערן מארקסיזם, האָט לענין, ניט געקוקט אַף די וואַקלונגען בא א טייל איסקראָווצעס (דערונטער בא פּלעכאַנאָוון און מארטאָוון), באַ־שטאַנען אַף אַ פולשטענדיקן אָרגאַניזאַציאָנעלן איינרייס מיט די עקאָ־נאָמיסטן. פרילינג 1902 יאָר איז דערשינען לענינס בוך „וואָס דאַרף מען טאָן?“, וואָס האָט געשאַפן אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער פאַרטיי. אַט דער בוך, וואָס איז איינער פון לענינס העלסטע און גלענצנדיקסטע ווערק אינעם איסקרישן פעריאָד און וואָס שטעלט פאָר מיט זיך א „סאַכאַקל פון איסקרישער טאַקטיק און איסקרישער אָרגאַ־ניזאַציאָנעלער פּאָליטיק“, האָט דערלאַנגט דעם עקאָנאָמיזם אַזאַ קלאַפּ, פון וועלכן ער האָט שוין מער ניט געקאָנט קומען צו זיך. דער בוך האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק אַף אַלע רוסישע „פּראַקטיקער“ און האָט געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָליע בא דעם פאַרפעסטיקן דאָס איסקרענ־טום און אין זיין באַהערשן די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטישע אָרגאַ־ניזאַציעס.

אויסערן קאַמף קעגן עקאָנאָמיזם, האָט לענין אויך אָנראַכמאָנעסדיק דעמאַסקירט דעם נאָר־וואָס אופקומענדיקן ליבעראַליזם אין דער פּערזאָן פון סטרוווע און פון דעם זשורנאַל „אָסוואָבאָזשדעניע“, וואָס ער האָט רעדאַקטירט (וואָס האָט צוגעגרייט דעם באָדן, אַף וועלכן עס איז שפּע־טער, אין 1905 יאָר, אופגעקומען די קאַדעטישע פּאַרטיי), אופדעקנדיק דעם פּאַכדאָנעסדיקן און האַלבלעכן כאַראַקטער פונעם „קאַמף“ פון די ליבעראַלן קעגן דער זעלבסטהערשונג, זייער אומפעיקייט ערנסט און אויסגעהאַלטן צו פאַרטיידיקן ריין־דעמאָקראַטישע פאָדערונגען, זייער מוירע פאַר דער רעוואָליוציע, פאַר דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג פונעם אַרבעטער־קלאַס. אַ באַזונדער וויכטיקע באַדייטונג האָט לענינס אַרטיקל „די פאַרפאָלגער פון דער זעמסטווע און די אַניבאַלן פונעם ליבעראַליזם“ (1901 יאָר), וואָס איז געווענדעט קעגן סטרוווען.

אין אַ ריי אַרטיקלען האָט לענין געגעבן אַן אַלזייטיקע קריטיק דעם פּאָלקיזם, וואָס איז אופגעשטאַנען טכיעס־האַמייסים אין דער געשטאַלט

פון דער עסערישער פּאַרטיי, אָנווייזנדיק דעם טעאָרעטישן עקלעקטיזם פון די עסערן, זייער ניט פאַרשטיין די זעלבשטענדיקע ראָליע פונעם אַרבעטער־קלאַס, זייער פאַרטושן די קלאַסן־אונטערשיידן צווישן פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום, קריטיקירנדיק זייער אָפּשאַצן דעם פּראָלעטאַריאַט, דאָס פּויערטום און די אינטעליגענץ ווי פּולקום גלייכע געזעלשאַפטלעכע קרעפטן, וואָס זיינען פעיק צו קעמפן פאַרן סאָציאַליזם. דעמאַסקירנדיק דעם קליינבירגערלעכן כאַראַקטער פון דער עסערישער „סאָציאַליזאַציע" און אָפּווייזנדיק אַף וויפל עס טויגן ניט די טעראָריסטישע קאַמף־מעטאָדן, וואָס זיינען אָפּגעריסן פון דער מאַסן־באַוועגונג, האָט לענין דעפינירט די עסערישע פּראָגראַם און טאַקטיק ווי אַ „רעוואָליוציאָנערן אַוואַנטיוריזם" און „וווּלגאַרן סאָציאַליזם", באַטראַכטנדיק די עסערן ווי דעם לינקן פליגל פון דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע.

לענין האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אויסאַרבעטן דורך דער „איסקראַ" די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי אין יאַנואַר־מאַרט 1902 יאָר. דער ערשטער פּראָיעקט פון דער פּראָגראַם, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך פּלעכאַנאָוון, האָט ניט באַפרידיקט לענינען, וועלכער האָט געפאָדערט, אַז די פּראָגראַם זאָל פאַרשטעלן מיט זיך „אַ דירעקטע קריג־דערקלערונג" דעם רוסישן קאַפּיטאַליזם, און וועלכער האָט אָנגעוויזן אַף דעם, אַז אַ ריי פּלעכאַנאָווס פאָרמולירונגען זיינען אַבסטראַקטע און ניט ריכטיקע, און מאַכמעס דעם, ווערט ניט גענוג דייטלעך אונטערגעשטראָכן דער רעוואָליוציאָנער־פּראָלעטאַרישער כאַראַקטער פון דער פּראָגראַם. אַף אַט דעם באָדן איז אין דער רעדאַקציע פון דער „אסקראַ" אַנטשטאַנען זייער אַ שאַרפער קאַמף צווישן לענינען און פּלעכאַנאָוון, וואָס האָט שיר ניט געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג. די רעדאַקציע פון דער „איסקראַ" האָט אָנגענומען פאַר אַ יעסאָד פּלעכאַנאָווס פּראָיעקט, אַריינטראָגנדיק אין אים עטלעכע מאַמאַשעסדיקע אויסבעסערונגען פון לענינס פּראָיעקט, באַזונדערס דעם פּונקט וועגן דעם אַרויסשטויסן די קליינע פּראָדוקציע מיצאַד דער גרויסער און דעם פּונקט וועגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. אַדאַנק די דאָזיקע אויסבעסערונגען האָט זיך פּלעכאַנאָווס פּראָיעקט פון דער פּראָגראַם באַדייטנדיק פאַר־

בעסערט, אָבער פּאָרט ניט אין דער מאָס, ווי לענין האָט געפאָדערט. דער אגראַר־טייל פון דער פּראָגראַם, וואָס האָט געפאָדערט די שאַפונג פון פּויערשע קאָמיטעטן און דאָס אומקערן די ערד־אָפּשניטן די פּויערים, איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך לענינען.

באַלד נאָך דעם, ווי די פּראָגראַם איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער רעדאַקציע פון דער „איסקראַ", האָט לענין, וועלכער פלעגט אָפּגעבן אַסאַך אויפמערקזאַמקייט דער פראַגע וועגן פּויערטום (אַ גרויסע באַדייטונג האָט זיין אַרטיקל אין דריטן נומער פון דער „איסקראַ"—„די אַרבעטער־פּאַרטיי און וועגן דאָס פּויערטום") און וועגן דער באַציונג צו אים מיצאַד די סאָציאַל־דעמאָקראַטן (ס'איז נייטיק צו פאַרצייכענען לענינס בראָשור „צו דער פּויערשער אָרעמשאַפט", 1903 יאָר, וואָס איז דעמאָלט געווען זייער פּאָפּולער), אָנגעשריבן אַ גרויסן אַרטיקל „די אַגראַר־פּראָגראַם פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע", אין וועלכן ער האָט געגעבן אַ ברייטן קאָמענטאַר צו דער אַגראַר־פּראָגראַם, וואָס די רעדאַקציע האָט נאָר־וואָס אָנגענומען, און ווו ער זאָגט זיך אַרויס פאַר דער נאַציאָנאַליזירונג פונעם באָדן. אָט דער אַרטיקל האָט געפירט צו אַ נייעם קאָנפליקט אין דער רעדאַקציע, וואָס האָט זיך אויך שיר ניט געענדיקט מיט אַן איינרייס צווישן לענינען און פּלעכאַנאָוון. פּלעכאַנאָוו איז ביכלאַל געווען זייער אומצופרידן מיט דעם, וואָס ער, ווי עס האָט באַוויזן די דיסקוסיע וועגן דער פּראָגראַם, איז ניט געווען פאַר לענינען קיין עכטע און אומבאַשטרייטבאַרע אינסטאַנץ. דעריבער האָט פּלעכאַנאָוו אין אַ באַזונדערס שאַרפער און פאַרביסענער פאָרם געמאַכט זיינע קריטישע באַמערקונגען וועגן אַרטיקל, וועלכן מע האָט ערשט נאָך אַ 4־כאַדאָשעמדיקער באַהאַנדלונג און קאָרעספּאָנדענץ, סאָפּקאָלסאָף אָפּגעדרוקט אין דער „זאַריאַ". אונטערן דרוק פון פּלעכאַנאָוון און די אַנדערע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע איז לענין געצוווּנגען געווען אַרויסצוואַרפן פונעם אַרטיקל דעם העכסט וויכטיקן טייל וועגן דער נאַציאָנאַליזאַציע. אין אַ באַזונדער אַרטיקל קורץ פאַרן צוזאַמענפאָר איז לענין אַרויסגעטראָטן צו פאַרטיידיקן די אַגראַר־פּראָגראַם פון דער „איסקראַ" קעגן די אָנפאַלן אַף איר מיצאַד פ. מאַסלאָוון, דעם קומענדיקן אַגראַרישן הויפּט־טעאָרעטיקער פון די מענשעוויקעס. אינעם „איסקראַ"־פּעריאָד האָט לענין

אויך אָנגעשריבן (אין 1901 יאָר) אַ סעריע אַרטיקלען פאַר דער „זאַריאַ” קעגן דעם רעוויזיאָניזם פון בולגאַקאָוון, הערץ, טשערנאָוו א. א. וו. אונטערן קעפּל „די אַגראַר־פראַגע און „מאַרקס קריטיקער”.

די שאַרפע מיינונג־פאַרשיידנהייטן אין דער רעדאַקציע אין 1902 יאָר איבער דער פראַגע וועגן אויסאַרבעטן די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי, איבער לענינס אַרטיקל וועגן דער אַגראַר־פּראָגראַם, און נאָך פריער, אין 1901 יאָר, איבער לענינס אַרטיקל קעגן סטרוווען (אַ טייל רע־דאַקציע איז געווען פאַר אַ ווייכערער ליניע בענעגייע צו די ליבעראַלן) און איבער אַנדערע פראַגן האָבן שווער געמאַכט לענינען דורכצופירן אַ קאָנסעקווענט־רעוואָליוציאָנערע ליניע אין דער „איסקראַ”. באַ כלו־קעדייעס פלעגט די רעדאַקציע אָדער צוטיילן זיך אַף צוויי גלייכע טיילן (פלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד, זאַסוליטש — פון איין זייט; לענין, מאַרטאָוו, פּאָטרעסאָוו — פון דער אַנדערער), אָדער עמעץ פון די „יונגע” פלעגט זיך אַ וואַקל טאָן און אַריבערגיין אַף דער זייט פון דער גרופּע „באַ־פרייונג פון דער אַרבעט”, און דעמאָלט פלעגט לענין בלייבן אין דער מינדערהייט. דעריבער איז באַ לענינען אויפגעקומען אַ געדאַנק, וועלכן ער האָט שפּעטער געהאַט בעדייע צו פאַרווירקלעכן אַפן צווייטן צוזאַ־מענפאָר, אַזוי צו רעאָרגאַניזירן די רעדאַקציע, אַז איר צוזאַמענשטעל זאָל טראָגן אַ מער שטאַנדהאַפטיקן כאַראַקטער און זאָל באַוואָרענען דאָס דורכפירן אַ שטרענג רעוואָליוציאָנערע פּאָליטיק.

לענינס גרונט־אויפגאַבע אין דעם „איסקראַ”־פעריאָד איז באַשטאַנען אין שאַפן אַ פעסטע, שלאַכט־פעיקע פּאַרטיי אַפן פעסטן פונדאַמענט פון די איסקרישע אידייען וועגן פּראָגראַם, טאַקטיק און אָרגאַניזאַציע. די אָרגאַניזיר־פראַגן, די מעטאָדן ווי אַזוי צו בויען די פּאַרטעישע אָרגאַניזאַציעס פלעגט לענין שטענדיק אָפּגעבן אַסאַך אויפמערקזאַמקייט. אין דעם פּראַט האָט, כוץ „וואָס דאַרף מען טאָן?”, אַ גרויסע ראָליע געשפּילט זיין „בריוו צו אַ כאַווער וועגן אונדזערע אָרגאַניזיר־אויפגאַבן”, אינעם שאַרפן קאַמף, אַשטייגער אין פּעטערבורג, וואָס די איסקראָווצעס האָבן געפירט פאַרן דעראָבערן די אָרגאַניזאַציעס, פלעגט לענין נעמען אַן אָנפירנדיקן אַנטייל, דורכשרייבנדיק זיך מיט די אַגענטן פון דער „איסקראַ” און געבנדיק זיי אַ ריי פּראַקטישע אָנווייזונגען און אייצעס.

אונטער לעניִנס אָנפירונג איז סאָף 1902 יאָר געשאַפן געוואָרן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, וואָס האָט גענומען אַף זיך די גאַנצע פּראַקטישע אַרבעט אַף צוגרייטן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר. בעשאַסן פּראָצעס פון צוגרייטן דעם צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַזונדערס בוילעט אַנטפּלעקט די נאַציאָנאַליסטישע און סעפּאַראַטיסטישע טענדענצן פונעם „בונד", וועלכער האָט פאָרמעל געהערט צו דער ר. ס. ד. א. פּ. און וועלכער האָט פּרעטענדירט אַף פעדעראַטיווע פאַרהעלטענישן צו דער פּאַרטיי, איז לענין דעמאָלט אַרויסגעטראָטן מיט אַ ריי אַרטיקלען אין דער „איסקראַ" וועגן דער פּאָזיציע פון „בונד", אָנווייזנדיק, אַז ס'איז דערלאָזלעך בלויז אַן אויטאָנאָמיע פאַרן „בונד" אין די ראַמען פון איין אַלגעמיינער פּאַרטיי. ס'איז אויך נייטיק צו פאַרצייכענען לענינס אַרטיקל אין 1903 יאָר „די נאַציאָנאַלע פראַגע אין אונדזער פּראָגראַם", וועלכער איז געווידמעט דער אויפקלערונג פונעם פּראָגראַם־פּונקט וועגן רעכט פון די נאַציעס אַף זעלבסטבאַשטימונג.

זינט ס'האָט זיך געגרינדעט די „איסקראַ" ביז פרילינג 1902 יאָר האָט לענין צוזאַמען מיט אַ טייל פון דער רעדאַקציע געוווינט אין מיונכען. אַז ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מע שפּירט נאָך דער רעדאַקציע, איז לענין אַריבערגעפאָרן קיין לאָנדאָן, ווו ער איז אָנגעקומען דעם 14 (1) אַפּרעל. זומער האָט ער אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט מיט זיין מוטער און מיט זיין שוועסטער א. אי. יעליזאַראָוואַ אַפן צאָפן־ברעג פון פראַנקרייך. סאָף יאָר פלעגט ער קומען אין שווייץ און לייענען דאָרט רעפעראַטן. סאָף פעווראַל — אָנהייב מאַרט 1903 יאָר האָט לענין באַ אַ צוויי וואָכן פאַרבראַכט אין פּאַריז, ווו ער האָט געלייענט לעקציעס וועגן דער אַגראַר־פראַגע אין דער רוסישער הויכשול פאַר געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן און ווו ער פלעגט אַרויסטרעטן מיט רעפעראַטן וועגן דערזעלבער פראַגע. אין דער צווייטער העלפט אַפּרעל 1903 יאָר איז לענין אַריבערגעפאָרן פון לאָנדאָן קיין זשענעווע, וווהין מע האָט אויך אַריבערגעטראָגן דאָס דרוקן די „איסקראַ".

פונעם 30 יולי ביזן 23 אויגוסט 1903 יאָר איז פאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געעפנט אין בריוסעל און וואָס האָט נאָכדעם אַריבערגעטראָגן זיין אַרבעט קיין

לאַנדאָן. די אידיי פון אָט דעם צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט, לויט לעני'נס געדאַנק, באַדאַרפט שאַפן אַן עמעסע פאַרטיי אַף איסקרישע יעסוידעס און פאַרענדיקן מיט דערפאָלג דעם איינגעשפּאַרטן קאַמף פאַר דער פּאַרטיי, וואָס ווערט זייט עטלעכע יאָר געפירט פון דער „איסקראַ", האָט אינגאַנצן געהערט לענינען. לענין האָט אין גרונט גענומען אויך אָנגעפירט מיט דער גאַנצער צוגרייט־אַרבעט אַף צונויפרופן דעם צוזאַמענפאָר.

דער צוזאַמענפאָר, וואָס אין זיין אַרבעט האָט לענין גענומען דעם ענערגישסטן אנטייל (פאָרטראַג און רעדעס וועגן אָרט פון בונד אין דער פּאַרטיי, וועגן סטאַטוט פון דער פּאַרטיי, וועגן איר פּראָגראַם, וועגן דער אַגראַר־פראַגע, די באַרימטע דיסקוסיע וועגן 1 § פונעם סטאַטוט), האָט געבראַכט צו אַ פולשטענדיקן טריומף פון די איסקרישע פרינציפּן. יענע אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונגען און טענדענצן, קעגן וועלכע עס האָבן נאָך פריער געקעמפט לענין און די לענינשע „איסקראַ" („עקאָנאָמיזם", בונדישער נאַציאָנאַליזם א. ד. גל.) האָבן ניט באַקומען אַפן צוזאַמענפאָר קיין שום אנערקענונג. אָבער האָבנדיק באַקעמפט אַלע פריערדיקע קעגנער פונעם רעוואָליוציאָנערן מאַרקסיזם און האָבנדיק געשאַפן אַ פּאַרטיי אַף אַן איסקרישן יעסאָד, האָבן די איסקראָווצעס גופע זיך אַפריער „צוטיילט" אַף „האַרטע" און „ווייכע" איבער דער פראַגע פונעם 1 § פונעם סטאַטוט און צום סאָף פון צוזאַמענפאָר האָבן זיי זיך אינגאַנצן צושפּאַלטן אַף אַ מערהייט און אַ מינדערהייט איבער דער פראַגע וועגן דעם צוזאַמענשטעל פון די פּאַרטעישע צענטרען. צוזאַמען מיט די איסקראָווצעס האָט זיך אויך געשפּאַלטן דער צוזאַמענפאָר.

באַם באַהאַנדלען דעם 1 § פונעם סטאַטוט האָט מאַרטאָוו מיט דער הילף פון די אַנטי־איסקרישע עלעמענטן פונעם צוזאַמענפאָר אַדורכגעפירט זיין פאָרמולירונג, וואָס האָט געהאַלטן, אַז ס'איז גענוג פאַר אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי צו אַרבעטן אונטערן קאָנטראָל און אונטער דער אָנפירונג פון אַוועלכער ניט איז פּאַרטעיישער אָרגאַניזאַציע; לעני'נס פאָרמול, וואָס האָט אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי געשטעלט פעסטערע און שטרענגערע פאָדערונגען, וואָס האָט אנערקענט די אבליגאַטאָרישקייט פאַר יעדן פּאַרטיי־מיטגליד פערזענלעך צו באַטייליקן זיך אין איינער פון די פּאַרטעישע אָרגאַניזאַציעס, איז דורך דער מערהייט פונעם

צוזאַמענפאַר אָפּגעוואָרפן געוואָרן. צום סאָף פונעם צוזאַמענפאָר האָט זיך די פאַרהעלטעניש פון די קויכעס געביטן, ווייל די אַנטי־איסקראָוועצעס (עקאָנאָמיסטן און בונדיסטן) זיינען אַוועק פון צוזאַמענפאָר, איבער־לאָזנדיק מיט דעם גופע די מאַרטאָווצעס אין אַ מינדערהייט. דעריבער האָט לענין באַקומען די מעגלעכקייט אַדורכצופירן אַזוינע צעטלען פון דער רעדאַקציע פונעם צענטראַלן אָרגאַן און פונעם צ. ק., וואָס דער פּערזענלעכער צוזאַמענשטעל זייערער זאָל באַוואָרענען די אידעאָלאָגישע אויסגעהאַלטנקייט פונעם צענטראַל־אָרגאַן און אַ פעסטע פּראַקטישע אָנפירונג מיצאַד דעם צ. ק.: אין צ. ק. זיינען אויסגעקליבן געוואָרן 3 באָלשעוויקעס (די מענשעוויקעס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוגיין), אין צענטראַל־אָרגאַן זיינען אויסגעקליבן געוואָרן לענין און פּלעכאַנאָוו, וואָס איז אָפּן צוזאַמענפאָר געווען אַן אָנהענגער פון דער מערהייט; מאַרטאָוון האָט מען אויך אויסגעקליבן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. פּאָטרעסאָוון, אַקסעלראָדן און זאַסוליטש האָט מען אינגאַנצן ניט אויסגעקליבן. אַזוי אַרום, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סיי דער צ. ק., סיי דער צ. אָ. זיינען געוואָרן באָלשעוויסטיש לויט זייער צוזאַמענשטעל, ס'האָט געמוזט ווערן באָלשעוויסטיש די אויבערשטע פּאַרטייִשע אינסטיטוציע—דער פּאַרטיי־ראַט, וואָס איז באַשטאַנען פון פּלעכאַנאָוון (פּאָרזיצער) און פון 2 פאָרשטייער פון צ. ק. און 2 — פון צ. אָ.

דעם קאַמף קעגן די צענטראַלע פּאַרטיי־אַנשטאַלטן, וואָס די מענ־שעוויקעס האָבן אָנגעהייבן אָפּן צוזאַמענפאָר, שאַפנדיק אַן אייגענע געהיימע פראַקציאָנעלע אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי נאָכן צוזאַמענפאָר אָנ־געהייבן פירן מיט טאָפּלטער קראַפט. לענינס אַרבעט איז אין דעם פעריאָד געפירט געוואָרן בײַ אויסערגעוויינלעך־שווערע באַדינגונגען. אַלע פּרוון דורכצוקומען מיט דער מענשעוויסטישער אָפּאָזיציע אויף אַן אויפן, וואָס זאָל זיין אָנגעמלעך פאַר דער פּאַרטיי, האָבן ניט געבראַכט צו קיין שום רעזולטאַטן. האָבנדיק געליטן אַ מאַפּאָלע אָפּן צוזאַמענפאָר, האָבן די מענשעוויקעס זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרכאַפּן די צענטראַלע פּאַרטיי־אַנשטאַלטן. פּלעכאַנאָוו האָט זיך אַ געוויסע צייט געהאַלטן שטאַנדהאַפטיק און האָט צוזאַמען מיט לענינען דורכרעדאַקטירט זעקס נומערן „איסקראַ", אָבער סאָף אָקטיאַבער, נאָך דעם ווי ס'האָט זיך

פארענדיקט דער צוזאמענפאר פון דער אויסלענדישער ליגע, האט פלעכאנאוו פארלאטן די מערהייט און איז אריבער אפן צאד פון די מענשעוויקעס.

אפן צוזאמענפאר פון דער פארטיי איז לענין בייגעווען ווי א דעלעגאט פון דער ליגע, וואס האט פארייניקט די רוסישע סאציאלדעמאקראטן, וועלכע האבן געלעבט אין אויסלאנד; די מערהייט אין דער ליגע האט געהערט די מענשעוויקעס; אף וויפל דער צוזאמענפאר פון דער פארטיי האט זיך געהאט געענדיקט, האט לענין, ווי א דעלעגאט פון דער ליגע, געדארפט ארויסטרעטן פאר איר מיט א באריכט; די מענשעוויקעס האבן זיך באנוצט מיט אט דער ארויסטרעטונג לענינס אף צו נעמען רעוואנש פאר דער מאפאלע אפן צוזאמענפאר. נאך לענינס פארטראג איז לויט דער פאדערונג פון דער מענשעוויסטישער מערהייט פון דער ליגע ארויסגעטראטן מיט א קארעפעראט מארטאוו. מארטאווס רעדע, וואס איז געהאלטן געווארן אין א היסטעריש־היציקן טאן און איז פול געווען מיט רעכילעסדיקע אנפאלן און טונקעלע אנצוהערענישן אף לענינס קלוימערשט מאראליש־אומדערלאזלעכע אופירונג אפן צוזאמענפאר, האט די מערהייט פון דער ליגע (אקסעלראד, פאטרעסאוו, טראצקי, דאן, זאסוליטש א. א.) אונטערגעהאלטן מיט רוישיקע אפלאדיסמענטן און צורופן. אלס פראטעסט קעגן דער אומווירדיקער אופירונג פון די מענשעוויקעס האט לענין זיך אפגעזאגט פונעם שלוסווארט צו זיין פארטראג און האט צוזאמען מיט די איבעריקע באלשעוויקעס אף א געוויסע צייט פארלאזן די זיצונג פון דער ליגע. לענין האט צוזאמען מיט פלעכאנאוון געפאדערט, אז עס זאל פאנאנדערגעלאזן ווערן דער צוזאמענפאר פון דער ליגע דערפאר, ווייל ער האט זיך אפגעזאגט צו ענדערן די פונקטן פונעם סטאטוט פון דער ליגע, וואס זי האט אנגענומען און וואס ווידערשפרעכן דעם אלגעמיין־פארטעיישן סטאטוט. אט דעם באשלוס, וועלכער איז פארמעל דורכגעפירט געווארן אינעם נאמען פון צ. ק., האט זיך די ליגע אפגעזאגט אונטערצוווארפן זיך.

די געשעענישן, וואס זיינען פארגעקומען אפן צוזאמענפאר פון דער ליגע, האבן געשפילט אן אנטשיידנדיקע ראליע פאר פלעכאנאווס ווייטערדיקער אויפירונג: אין זעלבן טאג, ווען ס'האט זיך פארענדיקט

דער צוזאמענפאר פון דער ליגע (31 אקטיאבער), האט פלעכאנאוו, דערשרעקנדיק זיך פארן דרוק מיצאד די מענשעוויקעס, דערקלערט לענינען, אז ס'איז נייטיק צו קאאפטירן די געוועזענע רעדאקטארן אין דער רעדאקציע פון „איסקרא", דראענדיק אין קעגנפאל מיט דעמיסיע. פלעכאנאווס פאראט איז געווען א שווערער קלאפ פאר לענינען, וואס האט ביכלאל זייער טיף און שארף דורכגעלעבט די שפאלטונג פון דער פארטיי, וועלכע ער האט געשאפן. לענין האט ניט געקאנט שאלעם מאכן מיט פלעכאנאווס באשלוס. ניט האלטנדיק פאר מעגלעך צו נעמען אף זיך אליין דאס רעדאקטירן די „איסקרא" און ניט וועלנדיק צו דערזעלבערצייט שטערן פלעכאנאוון אין זיינע פרוון דורכצוקומען מיט די מענשעוויקעס און אזוי ארום ווידער אופשטעלן דעם שאלעם אין דער פארטיי, איז לענין דעם 1 נאיאבער ארויס פונעם באשטאנד פון דער „איסקרא"-רעדאקציע, און פלעכאנאוו האט נאכדעם קאאפטירט מארטאוון, אקסעלראדן, פאטרעסאוון און זאסוליטש. די „איסקרא" איז אריבער אין די הענט פון די מענשעוויקעס, וואס האבן שפעטער באקומען די איבערהאנט אויך אינעם פארטיי-ראט. אין די הענט פון די באלשעוויקעס איז פארבליבן בלויז דעם צ. ק., וווהין ס'איז קאאפטירט געווארן לענין, וועלכן מ'האט באשטימט פארן אויסלענדישן פארשטייער פון צ. ק.

לענינס אופגאבע איז איצט באשטאנען אין איינהייטן דעם צ. ק. קעגן די אטענטאטן פון די מענשעוויקעס. אבער אינעם צ. ק. האט ניט געהערשט קיין פולע איינשטימיקייט און ניט אלע מיטגלידער פון צ.ק. זיינען אינגאנצן סאלידאריש געווען מיט לענינען. שוין באלד נאך לענינס קאאפטירונג האט זיך ארויסגעוויזן, אז אין צ. ק. זיינען דא שאלעם-מאכערישע שטימונגען. אזוי זאגט זיך דער צ. ק. ארויס, קעגן לענינס מיינונג, פאר א ריי ארגאניזאציאנעלע האנאכעס דער ליגע. אף דער זיצונג פונעם פארטיי-ראט, וואס איז פארגעקומען דעם 28—30 יאנווער 1904 יאר, האט לענין פארגעלייגט דעם ראט באשטימען די ראמען פון אינערפארטעיִשן אידעיִשן קאמף צווישן דער מערהייט און דער מינדערהייט, כדי צו פארורטיילן אזוינע פארמען פון קאמף (בויקאט, אפזאגן זיך פון צו ארבעטן אונטער דער אנפירונג פון צ. ק.), וועלכע

רעאָרגאַניזירן דאָס נאָרמאַלע לעבן פון דער פּאַרטיי. אַנשטאָט אָט דער רעזאָליוציע האָבן די מענשעוויקעס דורכגעפירט אַ צווייטע, וואָס האָט געפאָדערט מע זאָל קאָאָפּטירן אין צ. ק. די אָנהענגער פון דער מערהייט, אַזוי ווי דער צ. ק. שטעלט קלוימערשט פאָר בלויז איין טייל פון דער פּאַרטיי. אַלס ענטפער אַף אָט דעם באַשלוס האָט לענין פאָרגעלייגט אַ רעזאָליוציע מיט דער פאָדערונג צונויפצורופן דעם דריטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי. די רעזאָליוציע איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

איבערצייגנדיק זיך, אַז ס'איז אומעגלעך אַף אַ נאָרמאַלן וועג בייצוקומען דעם קריזיס אין דער פּאַרטיי, געפינט לענין פאַר נייטיק צו אַפּעלירן צום דריטן צוזאַמענפאָר און הייבט אָן אַן אַגיטאַציע פאַר צוזאַמענרופן אים. דער טאָלעראַנטיש־געשטימטער צ. ק. האָט לענינען ניט אונטערגעשטיצט, נאָר מיט אַ מערהייט שטימען אַרויסגעזאָגט זיך קעגן צונויפרופן דעם צוזאַמענפאָר און האָט אַרויסגעטראָגן לענינען אַ פאָרוואורף. לענין איז דעריבער אַף אַ געוויסע צייט געצוווּנגען געווען אַרויסצוטרעטן פונעם פּאַרטיי־ראַט, צו וועלכן ער האָט געהערט אַלס פאָרשטייער פון צ. ק.

אין מיי 1904 יאָר איז אין זשענעווע דערשינען לענינס אַ גרויסע בראָשור, געווידמעט דעם קריזיס אין דער פּאַרטיי, „אַ טראָט פאָרויס, צוויי טריט צוריק". בעשאַס מע האָט געהאַלטן באַם פאַרענדיקן דרוקן אָט די בראָשור האָט אַ מיטגליד פון צ. ק., דער טאָלעראַנטלער נאָסקאָוו־גלעבאָוו, געמאַכט אַ ניט־געלונגענעם פּרווו צו פאַרהאַלטן דאָס דרוקן און פאַרשפּרייטן פון אָט דער בראָשור. אין די „טריט" האָט לענין געגעבן אַן אויסשעפּנדיקן אַנאַליז פון דער שפּאַלטונג, נאָכפאָרשנדיק זאָרגזאַם אַלע אירע עטאַפּן און דעפינירנדיק דעם טאָך פון דער פאָרגעקומענער שפּאַלטונג אַף אַ מערהייט און אַ מינדערהייט ווי אַ קאַמף צווישן דעם רעוואָלוציאָנערן און דעם אָפּאָרטוניסטישן פליגל פון דער פּאַרטיי. די פּאָזיציע, וואָס די מענשעוויקעס און די נייע „איסקראַ" האָבן פאַרנומען אין דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן געביט, האָט לענין כאַראַקטעריזירט ווי „אָפּאָרטוניזם אין אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן".

„אַ טראָט פאָרויס, צוויי טריט צוריק" איז לענינס איינציקע גרויסע ווערק קימאַט אין מעשעך פון אַ גאַנצן יאָר פון דער שפּאַלטונג; עטלעכע

באַדאָשים — פון מיי ביז נאָיאַבער 1904 יאָר — שרייבט לענין קימאַט גאָרנישט, באַגרענעצנדיק זיך מיטן רעדאַקטירן עטלעכע בראָשורן, וואָס עס האָט אָנגעשריבן מ. אָלמינסקי, וו. וואָראָווסקי, א. באָגדאַנאָוו א. א. צוליב דעם, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן קיין געדרוקטן אָרגאַן ניט פאַרמאָגט און וואָס לענין האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אַ זייער שווערן מאָראַלישן צושטאַנד, איז זיין ליטעראַרישע טעטיקייט דערפירט געוואָרן קימאַט צו אַ נול. צו דערזעלבער צייט האָבן די מענשעוויקעס, וואָס האָבן געהאַט אין זייער רעשות די „איסקראַ", אין יעדער נומער געפירט אַן אומ־פאַרשעמטע העצע קעגן די באָלשעוויקעס און פערזענלעך קעגן לענינען. אַף די שפאַלטן פון דער „איסקראַ" פלעגן קעגן די באָלשעוויקעס אַרויס־טרעטן אויך אַזעלכע אויטאָריטעטן פון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע, ווי ק. קאַוטסקי און ר. ליוקסעמבורג.

ניט געקוקט אַפן ווידערשטאַנד מיצאַד דעם טאָלעראַנטישן צ. ק., פירט לענין ווייטער אַן אַגיטאַציע פאַר צונויפרופן דעם דריטן צוזאַ־מענפאָר. אין יולי האָבן דריי מיטגלידער פון צ. ק. (די שאָלעם־מאַכער קראַסין, נאָסקאָוו־גלעבאָוו, גאַלפערין) זיך ווידער אַרויסגעזאָגט קעגן צונויפרופן דעם דריטן צוזאַמענפאָר, ניט געקוקט אַף די פאָדערונגען מיצאַד אַ ריי אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, און האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס צו קאָאָפּערירן אין צ. ק. נאָך דריי טאָלעראַנטלער; אייגנצייטיק האָבן זיי פון די דריי מיטגלידער פון צ. ק., וואָס האָבן זיך עוואָליוציאָנירט אין פאַרוואַלטן אין אויסלאַנד מיט די איניאָנים פון צ. ק. און צו דערלויבן אים דרוקן זיינע ווערק בלויז מיטן העסקעם פון צ. ק. לענין האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אַנערקענען די געזעצלעכקייט פון דער „יולי־דעקלאַראַציע" פון די דריי מיטגלידער פון צ. ק., וואָס האָבן גיך עוואָליוציאָנירט אין דער ריכטונג פון דער מינדערהייט, און האָט פאָרגעזעצט דעם קאַמף פאַר צונויפרופן דעם דריטן צוזאַמענפאָר, שטעלנדיק זיך אַנטשלאָסן אַפן וועג פון אָרגאַניזאַציאָנעלן אויספורעמען דעם באָלשעוויזם. אין אויגוסט פירט לענין אָן מיט אַ פאַרזאַמלונג פון 22 אָנגעזעענע באָל־שעוויקעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שווייץ און וואָס האָט זיך געווענדעט צו דער פאַרטיי מיט אַן אויפרוף וועגן צונויפרופן דעם דריטן צוזאַמענפאָר. אין רוסלאַנד קומט נאָכדעם פאָר אַ ריי קאָנפערענצן פון

דער מערהייט, וואָס שאַפן אין דעקאַבער אַ ביוראָ פון די קאָמיטעטן פון דער מערהייט — דעם פראַקטישן צענטער אַף צוגרייטן און צונויפרופן דעם צוזאַמענפאָר. דער צוזאַמענשטעל פונעם ב. ק. מ. (ביוראָ פון די קאָמיטעטן פון דער מערהייט) איז אין גרונט גענומען אָנגעמערקט געוואָרן דורך לענינען.

האַלטנדיק פאַר אומגעהויער וויכטיק דאָס זעלבשטענדיקע אַרויסטרעטן פון די באָלשעוויקעס אַף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, אָרגאַניזירט לענין דאָס שיקן מיצאַד די באָלשעוויקעס צוויי דעלעגאַטן אַפן אַמסטערדאַמער קאָנגרעס פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל און נעמט אַנטייל אין צונויפשטעלן און רעדאַקטירן דעם באַריכט פאַרן קאָנגרעס.

סאָף יאָר דערלאַנגט לענין אַן אַנטשיידנדיקן קלאַפ דעם טאָלעראַנטישן צ. ק., וואָס האָט שטילערהייט קאָאָפטירט צו זיך נאָך דריי מענשעוויקעס, דורכן אַרויסלאָזן די בראָשור „דערקלערונג און דאָקומענטן וועגן איינרייס פון די צענטראַלע אינסטיטוציעס מיט דער פאַרטיי", ווו ער באַשולדיקט דריי מיטגלידער פון צ. ק. אין סיסטעמאַטישן נאַרן די פאַרטיי. דעמאָלט טאַקע טרעט לענין אויך צו צום אַרויסגעבן דעם אָרגאַן פון דער מערהייט — די צייטונג „וופעריאָד".

נאָך איידער ס'איז געגרינדעט געוואָרן „וופעריאָד" זיינען די אָרגאַניזאַציאָנעלע כעלוקעדייעס צווישן די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס איבערגעוואַקסן אין טאַקטישע און פאָליטישע. אין דער בראָשור „די זעמסטוואָ-קאַמפאַניע און „איסקראַ"'ס פלאַן" און אין אַ ריי אַרטיקלען פירט לענין אַדורך אַן אַנראַכמאָנעסדיקע קריטיק דער אָפאָרטוניסטישע טאַקטיק פון די מענשעוויקעס, וואָס „ציען אָפ די אופמערקזאַמקייט פון פראָלעטאַריאַט פונעם דירעקטן אָנגריף אַף דער זעלבסטהערשונג בעראָש פון אַ פאָלקס-אופשטאַנד" און וואָס דערקלערן פאַרן „העכסטן טיפ" פון קאַמף די אַרויסטרעטונגען פון אַרבעטער-רעדנער אַף די זעמסטוואָ-פאַרזאַמלונגען און אַנדערע פאַרזאַמלונגען פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע. צוגלייך האָט לענין געטאַדעלט די טענדענץ פון די מענשעוויקעס אָפצוגעבן די ליבעראַלן די אָנפירנדיקע ראָליע אין דער באַוועגונג און צו פאַרטושן דעם אַנטירעוואָליוציאָנערן און אַנטי־פראָלעטאַרישן כאַראַקטער פונעם בורזשואַזן ליבעראַליזם. שפעטער, אין

מעשעך פון דער גאַנצער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר, האָט לענין סיסטעמאַטיש, שריט נאָך טריט נאָכגעשפּירט נאָך אַלע אָפּנויגן פון מענשעוויזם אין געביט פון די טאַקטישע לאָזונגען פון דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם.

ווען ס׳האָבן אויסגעבראָכן אין פּעטערבורג די געשעענישן פון 22 (9) יאַנוואַר, וואָס לענין האָט זיי כאַראַקטעריזירט ווי דעם „אָנהייב רעוואָליוציע אין רוסלאַנד", האָט ער גלייך געשטעלט אַפן טאָג־אָרדענונג די פראַגע וועגן אַן אידעיש־פּאָליטישער, אָרגאַניזאַציאָנעלער און טעכנישער צוגרייטונג פונעם באַוואָפנטן אופשטאַנד און פון זיין אָנפירונג מיצאַד דעם פּראָלעטאַריאַט. קעדיי דער באַוואָפנטער אופשטאַנד זאָל האָבן דערפאָלג האַלט לענין, אַז ס׳איז אומבאַדינגט צוועקמעסיק און נייטיק אַ „קאַמף־אָפּמאַך" מיט די רעוואָליוציאָנערע עלעמענטן פון דער דעמאָקראַטיע — ביטנאי, אַז די אַרבעטער־פּאַרטיי זאָל בלייבן בא איר פולער אידעישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער זעלבשטענדיקייט, האַלטנדיק פאַר זייער וויכטיק, אַז אינעם אַרבעטער־קלאַס זאָלן פאַרשפּרייט ווערן יעדיעס פון מילכאָמע־טאַקטיק און מיליטערישער טעכניק, דרוקט לענין אין „וופּעריאָד" די נאָטיצן פונעם גענעראַל פון דער פּאַריזער קאָמונע, קליוזער, וועגן דער טאַקטיק פון גאַסן־שלאַכט; ער שטודירט נאָכאַמאָל מאַרקס און ענגעלס אַרטיקלען איבער קריגפראַגן; ער נעמט אָן מיטלען אַף איינקויפן און אַריבערשיקן קיין רוסלאַנד געווער פאַר די קאַמף־דרוזשינעס; ער לאָזט ניט אַרויס פון אויג די מינדסטע זאַך, וואָס איז פאַרבונדן מיטן צוגרייטן און דורכפירן דעם אופשטאַנד — ביז אַפילע דאָס מאַכן באָמבעס.

דעפינירנדיק די רעוואָליוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד, אַלס אַ בורזשואַזנ־דעמאָקראַטישע, שטעלט לענין אַלס אויפגאַבע פונעם אַרבעטער־קלאַס אַראָפּצווואַרפן די זעלבסטהערשונג דורך אַ באַוואָפנטן אופשטאַנד, צונויפצורופן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג און דעראָבערן די דעמאָקראַטישע רעפּובליק. אַלס אַ צענטראַלן לאָזונג רוקט לענין אַרויס די אידיי פון דער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום, באַגרינדנדיק אָט דעם לאָזונג און אויך די מעגלעכקייט, אַז די פאָרשטייער פון פּראָלעטאַריאַט זאָלן זיך

באַטייליקן אין דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג דורך אַ ריי גלענצנדיקע אַרטיקלען („די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די צייטווייליקע רעוואָליוציאָנערע רעגירונג", „די רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום", „וועגן דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג"). אַחוץ דעם, שטרייכט לענין אונטער, אַז קעדיי מיט דערפאָלג צו לייזן די רעוואָליוציאָנערע אופגאַבן, איז נייטיק צו שאַפן אַ רעוואָליוציאָנערע אַרמיי, און רעכנט אויס זעקס גרונט־אופגאַבן, וואָס מוזן ווערן די פּראָגראַם פון דער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג: צונויפרוף פון אַן אַלגעמיינער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, באַוואָפענונג פונעם פאָלק, פּאָליטישע פרייהייט, פולע פרייהייט פאַר די אונטערגעדריקטע און ניט־גלייכבאַרעכטיקטע פעלקערשאַפטן, 8־שאָיקער אַרבעט־טאָג און פּויערשע קאָמיטעטן. דעמאַסקירנדיק די קנעכטישקייט און פּאַכדאָנעס פון דער בורזשואַזיע, איר גרייטקייט צו פאַראַטן די רעוואָליוציע און שליסן אַן אָפּמאַך מיט דער זעלבסטהערשונג, פאַרטיידיקט לענין באַגלייך דערמיט די נויטוועטדיקייט פון סאַמע ענערגישן אונטערשטיצן די פּויערשע באַוועגונג מיצאַד דעם פּראָלעטאַריאַט אַזש ביז קאָנפיסקאַציע פון דער פּריצישער ערד. די רעוואָליוציע קאָן זיגן נאָר אין דעם פאַל, אויב די אָנפירנדיקע ראָליע וועט געהערן דעם פּראָלעטאַריאַט, בעראָש פון די פאָלקמאַסן און קוידעמקאָל פונעם גאַנצן פּויערטום, וואָס קעמפט פאַר דעמאָקראַטיע, פאַר אַ רעפּובליק, פאַרן פאַרווירקלעכן די פּראָגראַם־מינימום. און לענין מאַכט כוויזעק פון די מענשעוויקעס, וואָס ציטערן פאַר דער העגעמאָניע פונעם אַרבעטערקלאַס און שרעקן דעם פּראָלעטאַריאַט מיט דער פּערספּעקטיוו פון דעראָבערן די מאַכט.

די טאַקטישע גרונט־דירעקטיוון און די גרונט־לאָזונגען פון די באָלשעוויקעס אין דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר זיינען פיקסירט אין די רעזאָליוציעס פונעם דריטן צוזאַמענפאָר; נאָכדעם זיינען זיי מיט אַן אויסשליסלעכער טיפקייט באַלויכטן געוואָרן אין דער בראָשור, וואָס לענין האָט אָנגעשריבן נאָכן צוזאַמענפאָר „צוויי טאַקטיקעס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע". צוגלייך דערמיט האָט לענין אין דער בראָשור אונטערגעוואָרפן אַן אָנראַכמאָנעסדיקער קריטיק די

טאַקטישע פּלאַטפאָרם פון די מענשעוויקעס, וואָס האָבן געגעבן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דעם לאָזונג צו בלייבן בעיים דער רעוואָליוציע אַ „פּאַרטיי פון עקסטרעמער רעוואָלוציאָנערער אָפּאָזיציע" און וואָס האָבן געפּריידיקט „רעוואָליוציאָנערע קאָמונעס".

דער דריטער צוזאַמענפאָר, וואָס לענין האָט אוועקגעלייגט אַזויפיל קויכעס אַף צוגרייטן און צונויפרופן אים, איז פאָרגעקומען דעם 23 אַפּרעל—10 מיי 1905 יאָר אין לאָנדאָן. שטעלנדיק זיך די אופגאַבע צו שאַפן אַ זעלבשטענדיקע באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, האָט לענין שוין נאָך דעם, ווי די אָרגאַניזאַציאָנעלע אויספורעמונג פונעם באָלשעוויזם און זיין אָפּגרענעצן זיך פון די מענשעוויקעס און שאָלעם־מאַכער איז געווען אין פולן גאַנג, נאָך אַלץ מוירע געהאַט פאַר דער ווירקונג פון טאָלע־ראַנטלערישע שטימונגען און האָט שטרענג געוואָרנט די אָרגאַניזאַטאָרן פון צוזאַמענפאָר, וואָס האָבן געאַרבעט אין רוסלאַנד, קעגן אַרויסווייזן וועלכע ניט איז „לאָיאַלקייט" לעגאַבע דעם צ. ק. און דעם ראַט, וועלכע האָבן איינגעריסן מיט דער פּאַרטיי. אָט די טאַקטיק האָט געבראַכט צו דעם, אַז דער צ. ק., וואָס איז צו יענער צייט אָפּגעשוואַכט געווען דורך פּאָליצעיישע רעדיפעס, האָט קאַפּיטולירט, האָט אָנערקענט די געזעצ־לעכקייט פון צוזאַמענפאָר און גענומען אָנטייל אין צונויפרופן אים. צוליב דיזעלבע סיבעס האָט לענין זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָפּוואַרפן בעבעלס פאָרשלאַג אַרויסצוטרעטן אַלס פאַרמיטלער צווישן די באָלשע־וויקעס און די מענשעוויקעס.

לענין האָט זיך זאָרגזאַם געגרייט צום צוזאַמענפאָר און האָט צונויפגעגרייט די פּראָיעקטן קימאַט פון אַלע גרונט־רעזאָלוציעס, וואָס זיינען נאָכדעם אָנגענומען געוואָרן אַפן צוזאַמענפאָר (וועגן באַוואָפנטן אופ־שטאַנד, וועגן דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג, וועגן אָן אָפנער פּאָליטישער אַרויסטרעטונג מיצאַד דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע, וועגן אָנטייל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין דער צייטווייליקער רעוואָליוציאָנערער רעגירונג, וועגן דער באַציונג צו דער פויערשער באַוועגונג). אַפן צוזאַמענפאָר איז לענין אַרויסגעטראָטן מיט אַ ריי פּאָרטראָגן און רעדעס. בלויז בענעגייע איין גרויסער פראַגע (אויב ניט רעכענען די לעפּיערעך קליינע פראַגע וועגן דעם, צי פאַר דער פּאַרטיי

איזן נייטיק איין אָדער צוויי פּאַרטעיִשע צענטרען) איז זיך דער צוזאַמענפאַר פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט לענינען און דער צוזאַמענפאַר איז געווען אומגערעכט: דאָס איז בענעגייע דער שאַרפער פראַגע וועגן די פאַרהעלטענישן צווישן אַרבעטער און אינטעליגענטן אין די אָרגאַניזאַציעס. לענין האָט אָפּגעוואָרפן די דעמאַגאָגישע פריידיקערייִ מיצאַד די מענשעוויקעס וועגן אַ פולע דעמאָקראַטיע און וועגן דורכפירן פולע וואַלן, וואָס זיינען אומעגלעך אין די רוסישע פּאָליצעישע באַדינגונגען, אָבער ער איז ענערגיש באַשטאַנען אַף מאַקסימאַל אַריינפירן אַרבעטער אין די קאָמיטעטן. די קאָמיטעט־לייט, וואָס זיינען בייגעווען אָפן צוזאַמענפאָר, האָבן אין זייער מערהייט אַרויסגעוויזן פאַרגליווערטקייט אין דער פראַגע און האָבן ניט מאַסקים געווען אָנצונעמען די רעזאָליוציע.

אָפן דריטן צוזאַמענפאָר, וואָס איז געווען אַ ריין־באָלשעוויסטישער לויט זיין צוזאַמענשטעל, האָט מען לענינען אויסגעקליבן פאַר אַ מיטגליד אין צ. ק., וואָס האָט באַשטימט לענינען פאַרן רעדאַקטער פונעם „פראָלעטאַרי“, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אַנשטאָט דעם „וופּעריאָד“. אַף וויפל דער באָלשעוויזם האָט זיך געהאַט קאָנסטיטוירט ווי אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי, זיך פולשטענדיק אָפּגעגרענעצט פון די מענשעוויקעס און, דעריבער, שטאַרק געוואָרן און זיך פאַרפעסטיקט, האָט לענין געפונען פאַר מעגלעך אַוועקצושטעלן די פראַגע מיקויעך פאַרייניקן זיך מיט די מענשעוויקעס, נאָך וועלכע ס'איז נאָכגעגאַנגען אַ טייל אַרבעטער, מיטן טנייִ, אַז אַלע סאָציאַלדעמאָקראַטן זאָלן אָנערקענען באַשטימטע אָרגאַניזאַציאָנעלע נאָרמעס, וועלכע באַוואָרענען די שלאַכטפעיִקייט פון דער פּאַרטיי. עס איז נייטיק דאָפּקע אַ פאַרייניקונג, האָט געשריבן לענין, און ניט קיין „צונויפּלאָנטערונג“ פון ביידע טיילן פון דער פּאַרטיי.

אין מעשעך פונעם גאַנצן גאַנג פון דער רעוואָליוציע פלעגט לענין קעסיידער אַנאַליזירן דעם איבערבייט פון עטאַפּן און קאַמף־פאָרמען, זיך אָפּרופן אַף אַלע אַנטפּלעקונגען פון דער מאַסן־באַוועגונג אין רוסלאַנד (22 (9) יאַנוואַר, „פּאָטיאָמקין“, אַלגעמיינער אָקטיאַבער־שטרייק א. א. וו.), דערלערנען, אונטערציען סאַכאַקלען און פאַראַלגעמיינערן די דערפאַרונג פונעם רעוואָליוציאָנערן קאַמף (פאַרגל. צ. ב. „וואָס לערנען אונדז

די מאָסקווער געשעעניש״) און געבן לאָזונגען, וואָס פלעגן אופהייבן די באַוועגונג אף א ווייטערדיקן, העכערן שטאפל פון קאמף.

ווען די רעגירונג האָט געמאָלדן, אז זי האָט גבעדייע צונויפצורופן די „בוליגינשע דומע“, א באַראַטנדיקן אָרגאַן פון פאָרשטייער פון דער גרויסער בורזשואַזיע און די פריצים, האָט לענין אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון אַקטיוון בויקאָט, פון אַראָפרייסן די בוליגינשע דומע, האָט מאָביליזירט די מאַסן אונטער די אופשטאַנד־לאָזונגען און גערופן זיי שאַפן קאַמף־דרוזשינעס און רעוואָלוציאָנערע אָטריאַדן. האַלטנדיק דעם קורס אַפן באַוואָפנטן אופשטאַנד, דערווייזנדיק קעסיידער, אז בלויז דער ניצאָכן פונעם אופשטאַנד, בלויז דער זיג פון דער רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פונעם פראָלעטאַריאַט און פויערטום קאָן פאַרפעסטיקן די אָדער יענע דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע, קריטיקירט לענין די מענשעוויסטישע לאָזונגען פון „רעוואָליוציאָנערער זעלבסט־פאַרוואַלטונג“, וואָס איז קלוימערשט מעגלעך ניט אַראָפוואַרפנדיק די אַלטע מאַכט, די בונדישע טעאָריע וועגן דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, „וואָס דאַרף פון זיך אַליין אופקומען“ אָן א צייטווייליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג און די אַנדערע אָפאָרטוניסטישע אידייען און אידייעלעך פונעם רעכטן פליגל. לענין האָט אַסאַך מאָל אונטערגעשטראָכן דעם בורזשואַז־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר ביכלאַל און דעם בורזשואַז־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון די פויערשע באַוועגונגען ביפראַט, ער איז באַשטאַנען אף דעם, אז מע מוז שטרענג אונטערשיידן א בורזשואַז־דעמאָקראַטישע איבערקערעניש פון א סאָציאַליסטישער און אַרויסגייענדיק פון אָט דעם שטאַנדפונקט האָט ער קריטיקירט די עסערן, וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט אַלס סאָציאַליזם די פויערשע פאָדערונג פון ערד אַפן יעסאָד פון אַן אויסגלייכערישן ערד־באַנוץ, ווי אויך יענע מענשעוויקעס, אָנהענגער פון אַן אייגנאַרטיק אויסגעטייטשטער פערמאַנענטער רעוואָליוציע (פאַרווּס־טראָצקי), וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר מעגלעך אין דער דערדאָזיקער רעוואָליוציע, איגנאָרירנדיק דאָס פויערטום, אַרויסצורוקן דעם לאָזונג פון א ריין־אַרבעטער רעגירונג. „דער פראָלעטאַריאַט דאַרף אַדורכפירן ביזן סאָף די דעמאָקראַטישע איבערקערעניש, איינשליסנדיק אָן זיך די מאַסע פויערטום,

קעדיי מיט געוואַלט צו צעדריקן דעם ווידערשטאַנד פון דער זעלבסט־הערשונג און פּאַראַליזירן די ניט־שטאַנדהאַפטיקייט פון דער בורזשואַזיע. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף דורכפירן די סאָציאַליסטישע איבערקערעניש, באַהעפטנדיק צו זיך די מאַסע האַלב־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג, קעדיי מיט געוואַלט צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע און פּאַראַליזירן די ניט־שטאַנדהאַפטיקייט פונעם פּויערטום און קלייןבירגערטום”—אַזוי האָט לענין אין די „צוויי טאַקטיקעס” פאָרמולירט די אויפגאַבן פונעם פּראָלעטאַריאַט.

***

נאָכן זיג פון דעם אַלגעמיינעם אָקטיאַבער־שטרייק אין 1905 יאָר און דעם מאַניפעסט פון 17 אָקטיאַבער, קומט לענין אַרום 20 (7) נאָיאַבער דורך שטאָקהאָלם און העלסינגפאָרס קיין פּעטערבורג און וווינט דאָרט אַ געוויסע צייט האַלב־לעגאַל, אָנפירנדיק מיט דער טעטיקייט פון די באָלשעוויקעס, נעמענדיק אָנטייל אין די זיצונגען פון צ. ק., אין רעדאַגירן די לעגאַלע באָלשעוויסטישע צייטונג „נאָוואַיאַ זשיזן” און אַרויסטרעטנדיק אַף פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען. גלייך אינעם ערשטן אַרטיקל, וואָס לענין האָט נאָך זיין קומען אין פּעטערבורג פאַרעפנטלעכט אין דער „נאָוואַיאַ זשיזן”, זאָגט ער זיך אַרויס פאַר רעאָרגאַניזירן די פּאַרטיי אַף דעמאָקראַטישע יעסוידעס, אַף וויפל די עקזיסטענץ־באַדינגונגען פאַר דער פּאַרטיי זיינען נאָכן 17 אָקטיאַבער געוואָרן פרייערע, און פאַר אַ מאַקסימאַלן אַריינציען אַרבעטער אין דער פּאַרטיי, ביטניי, אַז ס'וועט איינגעהיט ווערן דער קאָנספּיראַטיווער אַפּאַראַט פון דער פּאַרטיי. ער באַזוכט עטלעכע מאָל די זיצונגען פונעם פּעטערבורגער ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן, דערלערנענדיק אָט די נייע פאָרם פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. אין דער צייט ווען די מענשעוויקעס האָבן געזעען אין די סאָוועטן בלויז אַ „רעוואָלוציאָנערע זעלבסטפאַרוואַלטונג”, האָט לענין געניאַל באַצייכנט די סאָוועטן ווי אויפשטאַנד־אָרגאַנען און ווי עמבריאָנאַלע אָרגאַנען פון דער נייער מאַכט. אין דעם פּעטראָגראַדער ראַט טרעט לענין אַרויס נאָר איין מאָל, דעם 26 (13) נאָיאַבער 1905 יאָר, וועגן דער פראַגע מיקויעך אַ מאַסן־לאָקאַוט. אין דעקאַבער פירט לענין אָן מיט דער טאַמערפאָרסער קאָנפערענץ פון די באָלשעוויקעס, ווו ער טרעט אַרויס

מיט פּאַרטראַגן וועגן לויפּנדיקן מאָמענט און וועגן דער אַגראַר־פראַגע. דערביי פירט ער דורך אין דער רעזאָליוציע וועגן דער אַגראַר־פראַגע דעם באַשלוס אַרויסצוּוואַרפן פון דער פּראָגראַם דעם פּונקט וועגן ערד־אָפּ־שניטן און דאָס פאַרפליכטן זיך פון דער פּאַרטיי צו אונטערשטיצן די רעוואָליוציאָנערע מאָסמיטלען פון פּויערטום אַזש ביז קאָנפיסקירונג פון דער גאַנצער מעלוכישער, קירכלעכער, הויפישער, קאַבינעטישער און פּריוואַט־באַזיצערישער ערד.

נאָך דער מאַפּאָלע פונעם דעקאַבער־אופשטאַנד, וואָס צו זיינע אויס־פירונגען באַציט זיך לענין מיט דער גרעסטער אופמערקזאַמקייט, קריטי־קירט ער שאַרף פּלעכאַנאָווס אָפּאָרטוניסטישע פאָרמול: „מע האָט ניט געדאַרפט נעמען זיך פאַרן געווער". לענין אָריענטירט זיך ווייטער אַף אַ נייער אופשטייג פון דער רעוואָליוציע און אַף דער אומפאַרמיידלעכ־קייט פון אַ נייעם באַוואָפנטן אופשטאַנד, אין רעזולטאַט פון אָט דעם אופשטייג. לענין פאַרטיידיקט די טאַקטיק פון באָיקאָטירן די ערשטע דומע, וואָס איז אַ פעלשונג פון אַ פאָלקס־פאָרשטייערשאַפט. ער דעמאַס־קירט די קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס פון די קאַדעטן און דעם פאַלשן געדאַנק, וואָס זיי צוזאַמען מיט די מענשעוויקעס פריידיקן, אַז פאַר רוס־לאַנד, האָט זיך, קלוימערשט, אָנגעהויבן אַן ערע פון קאָנסטיטוציאָנעלער און פּאַרלאַמענטאַרישער אַנטוויקלונג. באַזונדערס, האַלט לענין פאַר נוי־טיק די פּאַרטיי זאָל אונטערשטיצן די טעטיקייט פון די קאַמף־דרוזשינעס. פאַרטיידיקנדיק די רעוואָליוציאָנערע קאַמף־וועגן און דעמאַסקירנדיק די פשאָרעסדיקייט פון די קאַדעטן, קעמפט לענין קעגן די לאָזונגען פון די מענשעוויקעס און דעם מענשעוויסטישן צ. ק., וואָס איז אויסגעקליבן גע־וואָרן אַפן IV צוזאַמענפאָר, וועגן אונטערשטיצן די קאַדעטישע דומע און איר קאַדעטיש מיניסטעריום. אַלס קעגנגעוויכט שטעלט לענין אַרויס די אידיי פון שאַפן אַן „אויספיר־קאָמיטעט פון די לינקע גרופּן אין דער דומע". אינעווייניק אין דער דומע פאַרטיידיקט לענין די טאַקטיק פון אַ דערנענטערונג צווישן דער אַרבעטער־פראַקציע מיט דער רעוואָלוציאָ־נערער דעמאָקראַטיע אין דער געשטאַלט פון די טרודאָוויקעס, וואָס האָבן אויסגעדריקט די אינטערעסן פונעם פּויערטום. דערביי ווייזט לענין אָן אַף דער האַלבקייט און ניט־אויסגעהאַלטנקייט פון זייער דעמאָקראַטיזם,

ער פאָדערט זיי זאָלן פאַרנעמען אַ מער רעוואָליוציאָנערע פּאָזיציע און שטעלט אַלס אויפגאַבע פאַר דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אָפּצושפּאַלטן די טרודאָוויקעס פון די קאַדעטן.

זיינע פּאָליטישע אָנשווינגען אין דער ערשטער העלפט 1906 יאָר דריקט לענין אויס טיילווייז אין בראָשורן, טיילווייז אין די לעגאַלע באָלשעוויסטישע צייטונגען: „וואָלנאַ“, „ווּפּעריאָד“, „עכאָ“. אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט זיין גלענצנדיקע בראָשור „דער ניצחון פון די קאַדעטן און די אויפגאַבן פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי“, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין אַפּרעל 1906 יאָר אין העלסינגפאָרס און ווו לענין, געבנדיק אַ גלענצנדיק אַנאַליז פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי, שרייבט, אַז „אונדזער אויפגאַבע איז ניט צו אונטערשטיצן די קאַדעטישע דומע, נאָר אויסצונוצן די קאָנפליקטן אינעווייניק אין אָט דער דומע און די, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט איר אַף אויסצוקלייבן דעם בעסטן מאָמענט פון אָנגריף אַפן סוינע, פון אויפשטאַנד קעגן דער זעלבסטהערשונג“. אין דערזעלבער בראָשור זיינען אויסגעדריקט לענינס אויסערגעוויינלעך וויכטיקע און ווערטפולע געדאַנקען וועגן דעם וועזן פון דער דיקטאַטור. פון לענינס אַנדערע גרעסערע אַרבעטן אינעם דאָזיקן פּעריאָד דאַרף מען פאַרצייכענען דעם „איבערקוק פון דער אַגראַר־פּראָגראַם פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי“.

אויפהאַלטנדיק זיך צוערשט אין פּעטערבורג, דערנאָך אין קואָקאַלאָ (אין פינלאַנד, נאָענט פון פּעטערבורג), פלעגט לענין גאַנץ אָפט אַרויסטרעטן אַף פּאַרטיישע און אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און נעמט דעם נאָענטסטן אָנטייל אין אַ ריי קאָנפערענצן פון דער פּעטערבורגער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, שטייענדיק אידעיש בעראָש פון באָלשעוויסטישן פ. ק. און פירנדיק אַ קעסיידערדיקן קאַמף קעגן די מענשעוויקעס און — נאָכן IV צוזאַמענפאָר — קעגן מענשעוויסטישן צ. ק. זייער ברייט באַקאַנט איז לענינס אַרויסטריט אונטער דער פאַמיליע קאַרפּאָוו דעם 22 (9) מיי 1906 יאָר אַף אַ מיטינג אין פּאַנינאַ'ס הויז.

צוויי מאָל, אין יאַנוואַר און אין מאַרט, איז לענין צוליב פּאַרטיי־איניאָנים געקומען קיין מאָסקווע. דערביי האָט מען אים אינעם צווייטן פּעריאָד שיר ניט אַרעסטירט.

בעשאַס עס האָט זיך געשטעלט אין טאָג־אָרדענונג פון דער פּאַרטיי

די פראַגע וועגן צונויפרופן דעם IV, אַזוי גערופענעם „פֿאַרייניקנדיקן" צוזאַמענפֿאָר, האָט לענין אויסגעאַרבעט די טאַקטישע פּלאַטפֿאָרם פֿון דער מערהייט צום צוזאַמענפֿאָר, האָט דורכגעפֿירט די דאָזיקע פּלאַטפֿאָרם אויף די פֿאַרזאַמלונגען פֿון די באָלשעוויקעס און האָט אָנטיילגענומען אין דער קאָמיסיע אויף אויסצואַרבעטן די אַגראַר־פּראָגראַם.

אויפֿן IV צוזאַמענפֿאָר, וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם 25 אַפּריל—8 מיי 1906 יאָר אין שטאָקהאָלם, גייט לענין אַריין אין פּרעזידיום פֿון צוזאַמענפֿאָר, פֿירט אָן מיט דער אַרבעט פֿון דער באָלשעוויסטישער פֿראַקציע און טרעט אַרויס אויפֿן צוזאַמענפֿאָר מיט אַ ריי פֿאָרטראָגן און רעדעס (אַגראַר־פֿראַגע, דער איצטיקער מאָמענט און די אויפֿגאַבן פֿון פּראָלעטאַריאַט, דומע־טאַקטיק, באַוואָפֿנטער אויפֿשטאַנד). באַזונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט אויפֿן צוזאַמענפֿאָר לענינס פֿאַרטיידיקן די נאַציאָנאַליזאַציע פֿון דער ערד און זיין קריטיקירן די מענשעוויסטישע מוניציפּאַליזאַציע, וועלכע האָט פֿאָרגעשטעלט „עפּעס מיטלעס צווישן אַן עמעסער אַגראַר־רעוואָליוציע און אַ קאַדעטישער אַגראַר־רעפֿאָרם". די נאַציאָנאַליזאַציע פֿון דער ערד פֿלעגט לענין פֿאַרבינדן מיטן דערפֿירן די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָליוציע ביזן סאָף, ביזן פֿולן ניצחון פֿון דער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט און פֿונעם פּויערטום. ווען עס האָט זיך פֿאַרענדיקט דער צוזאַמענפֿאָר, וואָס האָט געגעבן אַ מערהייט די מענשעוויקעס, איז אין נאָמען פֿון די באָלשעוויקעס אַרויסגעלאָזן. געוואָרן אַ „ווענדונג" צו דער פּאַרטיי, אָנגעשריבן דורך לענינען, ווו ס'איז געגעבן געוואָרן אַ קריטיק פֿון די מענשעוויסטישע רעזאָליוציעס פֿונעם צוזאַמענפֿאָר און ווו ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די באָלשעוויקעס זיינען קעגן אַ שפּאַלטונג, אָבער אַז זיי וועלן צו דערזעלבער צייט אידעיש קעמפֿן „קעגן יענע באַשלוסן פֿונעם צוזאַמענפֿאָר, וועלכע מיר רעכענען פֿאַר טאָעסדיקע". די סאַכאַקלען פֿונעם צוזאַמענפֿאָר האָט לענין אויסגעדריקט אין דער בראָשור „באַריכט וועגן פֿאַרייניקונג־צוזאַמענפֿאָר". אָנהייבנדיק פֿון IV צוזאַמענפֿאָר אָן גייט לענין אַריין אין באָלשעוויסטישן צענטער, וואָס עקזיסטירט ניט־אָפֿיציעל און וואָס פֿירט אָן מיט דער טעטיקייט פֿון דער פֿראַקציע באָלשעוויקעס.

נאָך דעם, ווי מע האָט צעטריבן די ערשטע דומע דעם 8 יולי ברענגט

אויס דער סוועאַבאָרגער און קראָנשטאַטער אופשטאַנד, און לענין שטעלט די פראַגע וועגן אונטערשטיצן די דאָזיקע אופשטאַנדן מיצאַד די פע־טערבורגער אַרבעטער. דערביי קריטיקירט ער אָנראַכמאָנעסדיק די אָפ־הענטיקייט פונעם מענשעוויסטישן צ. ק. און זיינע האַלביקע לאָזונגען אין פאַרבינדונג מיטן פאַנאַנדערטרייבן די דומע. די מאַסן־באַוועגונגען האָבן אָבער ניט דערלאַנגט קיין גרויסן פאַרנעם. נאָך דעם, ווי עס זיינען דער־שטיקט געוואָרן די אויבנדערמאָנטע אופשטאַנדן, האָט לענין, זייענדיק ווי פריער איבערצייגט אין דער נויטווענדיקייט פון אַ באַוואָפנטן אופ־שטאַנד, געפונען פאַר נויטיק איבערצוקוקן די פריערדיקע דומע־טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס און האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַרן אָנטייל אין די וואַלן צו דער צווייטער דומע, אַלס פאַר איינעם פון די קאַמף־מיטלען, וואָס שפילט, פונדעסטוועגן, אַן אונטערגעאָרדנטע ראָליע. האַלטנדיק, אַז ס'איז נויטיק ביזן סאַמע אויסצושעפן די רעוואָליוציאָנערע מעגלעכקייטן, געפינט לענין פאַר צוועקמעסיק, אַז די פאַרטיי זאָל אונטערשטיצן און אָרגאַני־זירן דעם „פאַרטיזאַנישן קריג”, וואָס איינצלנע גרופן אַרבעטער פירן סטיכיש קעגן די רעגירונג־קויכעס. לענין פראָפאַגאַנדירט די נויטווענדי־קייט פאַרן פראָלעטאַריאַט איינצוהיטן בעיס די וואַלן זיין פולע זעלב־שטענדיקייט און קעמפן אַנטשיידן קעגן אַ בלאָק מיט די קאַדעטן. אַט דעם בלאָק האָבן פאַרטיידיקט די מענשעוויקעס און פאַקטיש וואָלט ער באַדייט אַ העגעמאָניע פון דער ליבעראַל־מאָנאַרכיסטישער בורזשואַזיע. לענין האָט בלויז צוגעלאָזן אַן אָפמאַך מיט דער רעוואָליוציאָנערער דע־מאָקראַטיע אין דער געשטאַלט פון די טרודאָוויקעס און עסערן און ער קריטיקירט פלעכאַנאָווס לאָזונג פון אַ „פולמעכטיקער דומע”. אַט די טאַקטיק פון „לינקן בלאָק” און איינצייטיקן קאַמף קעגן די קאַדעטן האָט לענין פאַרטיידיקט אין אַ ריי אַרטיקלען און בראָשורן, אַפ דער אַלרוס־לענדישער קאָנפערענץ אין טאַמערפאָרס (נאָיאַבער 1906 י.), אַפ די קאָנפערענצן פון דער פעטערבורגער אָרגאַניזאַציע און אַפן V צוזאַמענ־פאָר פון דער פאַרטיי. אַפ וויפל ק. קאַוטסקי'ס אָנשויונגען זיינען אין יע־נעם פעריאָד נאָענט געווען צו די באָלשעוויסטישע, האָט לענין איבערגע־זעצט און צוגעגעבן זיינע אַ פאָרעדע צו קאַוטסקי'ס אַרבעט „די באַוועג־קרעפטן און פערספעקטיוון פון דער רוסישער רעוואָליוציע”. לענין גיט

אַרויס אַן איבערזעצונג פֿון מאַרקס בריוו צו קוגעלמאַנען (מיט מאַרקסן פֿלעגט זיך לענין קעסיידער פֿאַרנעמען, אַפֿט זיך ווענדן צו זיינע אַרבעטן און ענגעלסעס און אַרויסנעמען פֿון זיי אָנווייזונגען פֿאַרן לויפֿנדיקן קאַמף), וו. ליבקנעכטס בראָשור „קיין שום קאָמפּראָמיסן! קיין שום וואַל־אָפּמאַכן!"

דער קאַמף קעגן די מענשעוויקעס אויפֿן באָדן פֿון זייער פּראָפּאַגאַנדירן בלאָקן מיט די קאַדעטן האָט אָנגענומען באַזונדערס שאַרפֿע פֿאָרמען אין דער פּעטערבורגער אָרגאַניזאַציע. האָבנדיק אַ מינדערהייט אין דער אָרגאַניזאַציע, האָבן די מענשעוויקעס, וואָס האָבן ניט געוואָלט אָפּזאָגן זיך פֿון בלאָקן מיט די קאַדעטן, געשפּאָלטן די אָרגאַניזאַציע, אַוועקגייענדיק פֿון דער פּעטערבורגער קאָנפֿערענץ אין יאַנואַר 1907 יאָר, מיט וועלכער לענין האָט אָנגעפֿירט. דעם אָפּאָרטוניזם פֿון די מענשעוויקעס און זייער שפּאַלטערישע פּאָליטיק האָט לענין געטאַדלט אין אַ ריי בראָשורן („די סאָציאַלדעמאָקראַטיע און די וואַלן אין דומע", „ווען דערהערן דעם אורטייל פֿונעם נאַר", „די וואַלן אין פּעטערבורג און די צוויעס פֿון 31 מענשעוויקעס"), באַשולדיקנדיק די מענשעוויקעס, אַז זיי פֿאַראַטן דעם אַרבעטער־קלאַס און האַנדלען מיט די קאַדעטן. דער מענשעוויסטישער צ. ק. האָט באַשטימט איבערגעבן לענינען צו אַ פּאַרטיי־געריכט. זיין „פּאַרטיידיקונג־רעדע" אויפֿן געריכט האָט לענין פֿאַרוואַנדלט אין אַ באַשולדיקונג־רעדע קעגן דעם מענשעוויסטישן צ. ק. די מענשעוויקעס האָבן זיך ניט אַנטשלאָסן צו באַשטיין אויף אַ פֿאָרזעצונג פֿון „געריכט" און מע האָט ליקווידירט דעם איניען. די אומשטענדן פֿון אָט דעם איניען האָט לענין געשילדערט אינעם „באַריכט דעם V צוזאַמענפֿאָר פֿון דער ר. ס. ד. א. פּ. וועגן דער פּעטערבורגער שפּאַלטונג און וועגן דעם פּאַרטיי־געריכט, וואָס איז אין פֿאַרבינדונג דערמיט איינגעאָרדנט געוואָרן".

די באָלשעוויסטישע צייטונגען האָט מען נאָכן צעטרייבן די דומע, ווען ס'האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די רעאַקציע, פֿאַרמאַכט, און לענין האָט געקאָנט באַלייכטן די אויפֿגאַבן פֿונעם אַרבעטער־קלאַס פֿון שטאַנדפּונקט פֿונעם באָלשעוויזם טיילווייז אין לעגאַלע בראָשורן („דער פֿאַנאַנדערלאָז פֿון דער דומע און די אויפֿגאַבן פֿון פּראָלעטאַריאַט", „די סאָציאַלדעמאָקראַטיע און די וואַל־אָפּמאַכן") און אין די באָלשעוויסטישע וואָכנשריפֿטן, וואָס פֿלעגן פֿון דער רעגירונג גיך פֿאַרמאַכט ווערן, און שפּע־

טער, ווען די רעפּרעסיעס פון דער רעגירונג זיינען אין פּעריאָד פון צונויפרופן די צווייטע דומע געוואָרן אַביסל שוואַכער, — אין די לעגאַלע באָלשעוויסטישע צייטונגען „נאָווי לוטש" און „נאַשע עכאָ", דעריקער אָבער אינעם לעגאַלן אָרגאַן פון די באָלשעוויקעס „פּראָלעטאַרי", וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין פינלאַנד פון האַרבסט 1906 יאָר.

אינעם פּעריאָד נאָכן פאַנאַנדערלאָזן די ערשטע דומע אַנאַליזירט לענין אופמערקזאַם די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אינעווייניק אין די סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, קאָנסטאַטירט דעם אידעישן און פּאָליטישן צעפאַל פון דער עסערן־פּאַרטיי, דעקט אויף דעם אָפּאָרטוניסטישן טאָך פון דער „האָרעפּאַשנער פאָלקס־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי" („עסערישע מענשעוויקעס"), וואָס איז פונדאָסניי דערשינען דורך דיפערענצירונג אין דער עסערישער פּאַרטיי, פירט אַן ענערגישן קאַמף קעגן „באַלעבעסלדיקייט אין דער רעוואָלוציאָנערער סוויווע", קעגן דעקאַדענטישע און רענעגאַטישע שטימונגען. באַזונדערס שטרייכט לענין אונטער דעם קריזיס פון מענשעוויזם, באַווייזנדיק ווי אין אים ווערן געבוירן יענע אידייען, וואָס האָבן שפּעטער זיך פאַרייניקט אין אַ גאַנצע סיסטעם פון ליקווידאַטאָריי. דאָס פּריידיקן מיצאַד די מענשעוויקעס אַן „אַרבעטער־צוזאַמענפאָר", וואָס איז געווענדעט אַף צו פאַרניכטן די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי און פאַרבייטן זי מיט אַן אומפּאַרטעיִשע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט, שטויסט זיך אָן אַף אַ שאַרפן ווידערשטאַנד מיצאַד לענינען.

ווי נאָר עס עפנט זיך די צווייטע דומע (5 מאַרט (20 פעוראַל) 1907 יאָר), שפּירט לענין אופמערקזאַם נאָך אירע אַרבעטן, שטרייכט אונטער די איליוזאָרישקייט פון דער קאָנסטיטוציע, דעמאַסקירט די קאַדעטן, קריטיקירט דעם אָפּאָרטוניזם פון די מענשעוויקעס, פאַרצייכנט די פעלערן פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פראַקציע, פאָדערט פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע זי זאָל קענען פירן נאָך זיך דאָס דעמאָקראַטישע קליינבירגערטום און פּראָפּאַגאַנדירט אַן אַנטשיידנדיקן קאַמף פון די מאַסן פאַר פאַרניכטן די זעלבסטהערשונג און אַלע רעשטלעך פון לייבייגנטום. האַלטנדיק פאַר זייער וויכטיק די אַרויסטרעטונגען פון די

סאָציאַלדעמאָקראַטן באַלשעוויקעס אין דומע, שרייבט לענין פאַר זיי פּראָיעקטן פון רעדעס (לעמאָשל, דעם פּראָיעקט פון דער רעדע וועגן דער אַגראַר־פראַגע). אָט דעם אַרבעט־מעטאָד ווענדעט אָן לענין באַזונדערס ברייט אין פעריאָד פון דער IV דומע, ווען ער האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי רעדעס פאַר די דעפּוטאַטן־באָלשעוויקעס.

פון 13 מיי ביזן 1 יוני באַטייליקט זיך לענין אין די אַרבעטן פונעם V צוזאַמענפאָר פון דער ר. ס. ד. א. פּ., וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן און גייט אַריין אין זיין פּרעזידיום. מיט אַ צייט נאָך פאַרן צוזאַמענפאָר האָט לענין אויסגעאַרבעט די פּראָיעקטן פון די באָלשעוויסטישע רעזאָליוציעס צום צוזאַמענפאָר, וואָס זיינען שפּעטער אָנגענומען געוואָרן אַף די באַראַטונגען פון די פאָרשטייער פון די באָלשעוויסטישע פּאַרטעישע אָרגאַניזאַציעס) פּעטערבורגער קאָמיטעט, מאָסקווער א. אַ.). צו דער זעלבער צייט האָט לענין שאַרף קריטיקירט די טאַקטישע פּלאַטפאָרם פון די מענשעוויקעס. אַפן צוזאַמענפאָר, ווו די באָלשעוויקעס האָבן באַקומען אַ מערהייט, איז לענין אַרויסגעטראָטן מיט אַ קריטיק פון דער טעטיקייט פונעם מענשעוויסטישן צ. ק. און מיט רעדעס וועגן אַ ריי פראַגן. באַזונדערס וויכטיק איז לענינס פאָרטראָג וועגן דער באַציונג פון דער סציאַלדעמאָקראַטיע צו די בורזשואַזע פאַרטייען און די (לענינשע) רעזאָליוציע וועגן דער פראַגע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורכן צוזאַמענפאָר, ווו ס'ווערט אָנגעוויזן, אַז די הויפּט־פאַרטיי פון דער ליבעראַל־מאָנאַרכיסטישער בורזשואַזיע — די קאַדעטן — האָט זיך בעפיירעש אָפּגעקערט פון דער רעוואָליוציע און שטעלט זיך פאַר איר אויפגאַבע אָפּצושטעלן די רעוואָליוציע דורך אַן אָפּמאַך מיט דער קאָנטר־רעוואָליוציע; וואָס איז שייעך די פּאָלקיסטן, ווערן דאָרט פאַרצייכנט זייערע וואַקלונגען צווישן דער העגעמאָניע פון די ליבעראַלן און צווישן אַן אַנטשיידענעם קאַמף קעגן די פּריצים און דער זעלבסטהערשונג; דערביי ווערט פאַר די סאָציאַלדעמאָקראַטן געשטעלט די אויפגאַבע „מיט אַלע קויכעס אַרויסצורייסן די פּאָלקיסטן פון אונטער דער האַשפּאָע און אָנפירונג פון די ליבעראַלן". אַפן אָנאַליז און אַף דער באַגרינדונג פון אָט דער רעזאָליוציע, וואָס לענין פלעגט צוגעבן אַ גרויסע באַדייטונג, פלעגט ער זיך שפּעטער ניט איינמאָל אָפּשטעלן (זע לענינס אַרטיקל „די

באציונג צו די בורזשואזע פארטייען", געז. ווערק, ב. XI, ז. 271—286, רוסיש).

די מעלוכע־איבערקערעניש פון 16 (3) יוני 1907 י. (דאס צעטרייבן די צווייטע דומע, דער נייער וואל־געזעץ, וואס האט זייער באגרענעצט די וואלרעכט פון די פויערים און, באזונדערס, פון די ארבעטער), האט פארגעשטעלט א פולקומען ניצאכן פון דער קאנטער־רעוואליוציע. אין צוזאמענהאנג מיטן פאלן פון דער רעוואליוציאנערער מאסנבאוועגונג, פארשטארקן זיך אין די רעוואליוציאנערע פארטייען די רענעגאטישע שטימונגען, קעגן וועלכע לענין טרעט שארף ארויס. צוגלייך דערמיט פירט ער אן איינגעשפארטן קאמף קעגן דער „לינקער", בויקאטיסטישער שטרעמונג אינעווייניק אינעם באלשעוויזם, וואס האט זיך גאנץ ברייט פארשפרייט. די בויקאטיסטן מיט א. באגדאנאוו און ל. קאמענעוו בעראש האבן אין דעם אנגעקומענעם פעריאד פון אפענער און בעפייערשער רעאקציע ווייטער געפאדערט מע זאל אנווענדן מעטאדן פון אומיטלבארן רעוואליוציאנערן קאמף, וועלכע זיינען אומעגלעך בא דער יערידע פון דער מאסנבאוועגונג, און אף דעם סמאך האבן זיי זיך ארויסגעזאגט קעגן די וואלן אין דער III דומע. לענין טרעט אנטשיידן ארויס קעגן דער בויקאטיסטישער טאקטיק, וואס איר ניצאכן וואלט אפגעריסן און איזאלירט די פארטיי פון די ארבעטער־מאסן, אין ארטיקלען („קעגן דעם בויקאט"), אין רעדעס און פארטראגן אף די פעטערבורגער פארטעישע קאנפערענצן און אף צוויי אלרוסלענדישע קאנפערענצן (אין אווגוסט אין וויבארג און אין נאיאבער 1907 י. אין העלסינגפארס). די בויקאטיסטן זיינען געווען באזיגט. לענין שטרייכט אונטער די נויטווענדיקייט פאר דער פארטיי אויסצונוצן די דומע־טריבונע פאר סאציאליסטישער אופקלערונג און ארגאניזירונג פון די ארבעטער־מאסן (און בעשום אויפן ניט פאר „ארגאנישער" ארבעט אין דומע), און גלייכצייטיק איינצוהיטן פולשטענדיק דעם אומלעגאלן אפאראט און פירן א מאקסימאל מעגלעכע אומלעגאלע ארבעט. לענין ווייזט קעסיידער אן, אז די ארבעטער־דעפוטאטן זיינען מעכויעוו צו דעמאסקירן אין דער דומע, וואס שטעלט פאר אן אפמאך צווישן דער זעלבסטהערשונג מיט די פריצים און דער גרויסער בורזשואזיע, ניט בלויז די רעגירונג פון די

שוואַרצמייעניקעס און אָקטיאַבריסטן, נאָר אויך די קאַדעטן, די ליבעראַלע בורזשואַזיע, וועלכע איז געוואָרן פולשטענדיק קאָנטר־רעוואָליוציאָנער און וואָס שפילט זיך בלויז אין אָפאָזיציע צום צאַריזם.

אין אויגוסט 1907 י. נעמט לענין אָנטייל אינעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס פון II אינטערנאַציאָנאַל און גייט אַריין אין זיין פרעזידיום. אין איינער פון די קאָמיסיעס פונעם קאָנגרעס האָבן לענין און ר. ליוקסעמבורג אַריינגעטראָגן עטלעכע וויכטיקע אויסבעסערונגען צום פראָיעקט פון בעבעלס רעזאָליוציע איבער דער פראַגע וועגן מיליטאַריזם. איינע פון די אויסבעסערונגען האָט פאַרפליכטעט די סאָציאַליסטן אין פאַל פון אַ מילכאָמע־אויסבראָך „צו שטרעבן מיט אַלע קויכעס אויסנוצן דעם עקאָנאָמישן און פאָליטישן קריזיס, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך דער מילכאָמע, אַף אופצוּוועקן דעם פאָליטישן באַוווסטזיין פון די פאָלקמאַסן און פאַרגיכערן דעם סאָף פון דער הערשאַפט פונעם קלאַס קאַפיטאַליסטן”. אַלע אויסבעסערונגען זיינען אין גרונט אָנגענומען געוואָרן פון קאָנגרעס. נאָכן קאָנגרעס איז לענין אַריין אין צוזאַמענשטעל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ, געהערנדיק צו איר עקסטרעמען לינקן פליגל (זע לענינס אַרטיקלען „די זיצונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ”, 1908 י. „די עלפטע סעסיע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ”, 1910 יאָר א. א.).

אין דער צווייטער העלפט 1907 י. האָט זיך לענינען איינגעגעבן לעגאַל אַרויסצולאָזן אַ זאַמלונג פון זיינע אַרטיקלען „פאַר 12 יאָר”. דער בוך איז אָבער טייקעף קאָנפיסקירט געוואָרן און ער איז ווידער אַרויסגעגעבן געוואָרן ערשט אין 1918 יאָר. צו יענער צייט האָט לענין אויך אָנגעשריבן די פאָרזעצונג פון אַ סעריע אַרטיקלען אונטערן קעפל „די אַגראַר־פראַגע” און „מאַרקס קריטיקער” (אַרויסגעגעבן לעגאַל) און האָט פאַרענדיקט אַ גרויסע אַרבעט „די אַגראַר־פראַגע אין דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע”. דער בוך איז אָפגעדרוקט געוואָרן מיט אַ יאָר שפעטער, אָבער די פאָליציי האָט אים פאַרניכטעט און פונדאָסניי איז ער אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָר אין 1917 יאָר. דאָס איז זייער אַ וויכטיק ווערק לענינס, וואָס ווייזט, אַז דער יעסאָד פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע

אין רוסלאַנד איז די אַגראַר־פֿראַגע, וואָס איר לייזונג איז מעגלעך אַף צוויי וועגן: אָדער דורך באַזייטיקן דאָס לייבאייגנטום דורך דעם, וואָס די לייבאייגנטימעריש־פּריצישע ווירטשאַפֿטן וועלן פּאַמעלעך אַריבער־וואַקסן אין יונקעריש־בורזשואַזע („פּרייסישער" וועג), אָדער דורך אומוואַרפֿן מיט געוואַלט די יעסוידעס פֿון דער אַלטער אָרדענונג מיצאַד די רעוואָליוציאָנערע מאַסן פֿויערטום, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון פּראָלעטאַריאַט, דאָס אָפּשאַפֿן פּריוואַט־אייגנטום אַף ערד און די נאַציאָנאַליזאַציע פֿון באָדן, דאָס שאַפֿן די סאַמע פֿרייע באַדינגונגען פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿונעם קאַפּיטאַליזם און פֿונעם קלאַסנקאַמף (אַן אַנטוויקלונג־וועג, וואָס לענין האָט ביישפּילדיק אָנגערופֿן „אַמעריקאַניש"). דעם אינהאַלט פֿון אָט דעם בוך האָט לענין מיט אַ יאָר שפּעטער רעזיומירט אַף די שפּאַלטן פֿון פּוילישן סאָציאַלדעמאָקראַטישן זשורנאַל „פּשעגלאָנד סאָציאַלדעמאָקראַטיטשני" („סאָציאַלדעמאָקראַטישער איבערבליק"), טיילווייז אינעם אַרטיקל „די אַגראַר־פֿראַגע אין רוסלאַנד צום סאָף XIX יאָרהונדערט", וואָס איז אָנגעשריבן געווען פֿאַר גראַנאַט'ס ענציקלאָפּעדישן ווערטערבוך, וואָס איז אָבער פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן ערשט אין 1918 יאָר.

סאָף 1907 יאָר איז די מאַפּאָלע פֿון דער רעוואָליוציע געווען שוין אַזוי שטאַרק און די רעאַקציע אַזוי פֿעסט, אַז לענין, וואָס פֿלעגט זיך אויסבאַהאַלטן פֿון דער פּאָליציי, איז געצווונגען געווען פֿון קואָקאַלאַ אַריבערקלייבן זיך אַף אַ קליינע סטאַנציע נעבן העלסינגפֿאָרס, און שפּעטער, אין דעקאַבער 1907 י. צו עמיגרירן קיין אויסלאַנד. קעדיי אַריבערקלייבן זיך אַפֿן דאַמפּער אומבאַמערקט פֿון דער פּאָליציי, וואָס האָט נאָכגעשפּירט נאָך לענינען, האָט ער פֿון אַבאָ געמוזט באַנאַכט דורכגיין עטלעכע ווייאָרסט איבערן אייז צום אינדזל, ווו דער דאַמפּער איז געשטאַנען. דער אייז איז ניט געווען באַזונדערס פֿעסט; אין איין אָרט האָט דער אייז אָנגעהייבן זיך רירן און לענין איז שיער ניט אומגעקומען. דורך שטאָקהאָלם און בערלין איז לענין אַוועקגעפֿאָרן אין דער שווייץ, אין זשענעווע. עס האָט זיך אָנגעהייבן דער פּעריאָד פֿון דער צווייטער עמיגראַציע, וואָס האָט זיך פֿאַרצויגן מער ווי אַף 9 יאָר און וואָס איז געווען אַסאַך שווערער איידער די ערשטע עמיגראַציע.

*
**

אין מעשעך פון 1908 יאָר האָט לענין פריער געלעבט אין זשענעווע און נאָכדעם אין פּאַריז, וווהין ער איז אַריבערגעפאָרן אין אָקטיאַבער. ער האָט דעמאָלט אָפּגעגעבן אַסאַך אויפמערקזאַמקייט דעם אַנאַליז פון דער נייער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין רוסלאַנד אַלס רעזולטאַט פון דער מעלוכע־איבערקערעניש פון 16 (3) יוני 1907 י. און פון דער נייער אַגראַר־פּאָליטיק, וואָס סטאָליפּין האָט אַדורכגעפירט. לענין האָט אונטערגעשטראָכן, אַז עס זיינען מעגלעך צווייערליי אַנטוויקלונג־וועגן — אַ „פּרייסישער", אָדער אַן „אַמעריקאַנישער" און האָט אָנגעוויזן, אַז דער פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּויערטום דאַרפן קעמפן פאַר דער צווייטער אַנטוויקלונג־פּערספּעקטיוו, פאַרן פולשטענדיקן זיג פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע. לענין האָט קאָנסטאַטירט, אַז עס וואַקסן די סטירעס צווישן פּויערטום און די פּריצים און דעם זעלבסטהערשונג־רעזשים און אַז דאָס באַווייזט, אַז די סטאָליפּינישע רעפאָרם וועט ניט אימשטאַנד זיין צו פאַרהיטן פון אַ נייעם רעוואָליוציאָנערן אויפרייס, פון אַ נייער רעוואָליוציע. די צוגרייטונג פון אַ נייער רעוואָליוציע — אַזוי האָט לענין דעפינירט די אַלגעמיינע אויפגאַבע פונעם פּראָלעטאַריאַט פאַרן גאַנצן נאָענטסטן היסטאָרישן פּעריאָד.

אַן אָפּשאַצונג פון דעם קויכעס־פאַנאַנדערשטעל, וואָס האָט זיך געשאַפן ווי אַ רעזולטאַט פון דער מעלוכע־איבערקערעניש פון 3 יוני, אַן אַנאַליז פונעם וועזן פון דער זעלבסטהערשונג און איר נייער אַגראַר־פּאָליטיק האָט לענין געגעבן אין אַ ריי אַרטיקלען. באַזונדערס וויכטיק איז דער אַרטיקל „וועגן דער אָפּשאַצונג פונעם לויפנדיקן מאָמענט". זיין קוק אויף דעם האָט ער רעזיומירט און ענדגילטיק פאָרמולירט אינעם רעזאָליוציע־פּראָיעקט וועגן איצטיקן מאָמענט און די אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער „דעקאַברישער" אַלרוסלענדישער קאָנפערענץ פון 1908 י. (די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין פּאַריז, דעם 3—9 יאַנוואַר (21—27 דעקאַבער) 1909 יאָר), אויף וועלכער עס זיינען פאַרטראָטן געווען באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס, פּאָליאַקן און בונדאָווצעס, און וועלכע האָט געבראַכט אַ ניצחון די באָלשעוויקעס. לענין איז געווען דער הויפּט־פּאַרטרעגער אויף דער קאָנפע־

רענץ. אין דער רעזאָליוציע איז געזאָגט געוואָרן, אַז די זעלבסטהערשונג מאַכט אַ נייעם שריט אַפן וועג פון פאַרוואַנדלען זיך אין אַ בורזשואַזער מאָנאַרכיע, אַז מיט איר אַגראַר־פּאָליטיק פאַרשאַרפט זי די אומצופרידנ־קייט פון די ברייטע פּויערשע מאַסן און מאַכט אומפאַרמיידלעך דעם אָנוואַקסן פון אַ נייעם פּאָליטישן קריזיס. די רעזאָליוציע פון דער דעקאַ־בער־קאָנפערענץ האָט אויך געפאָדערט פאַרפעסטיקן די ר. ס. ד. א. פּ., קעמפן קעגן דער זעלבסטהערשונג, די רעאַקציאָנערע קלאַסן און די ליב־עראַלן, קעגן די אָפּווייכונגען פון רעוואָליוציאָנערן מאַרקסיזם און קעגן דעם פאַרקירצן די לאָזונגען פון דער ר. ס. ד. א. פּ., פאַר אויסנוצן די דומע־טריבונע און האָט געהאַט אַ גרויסע פּרינציפּיעלע באַדייטונג, זייענדיק איינער פון די וויכטיקסטע דאָקומענטן פון דער פּאַרטיי, וואָס האָבן באַשטימט איר טאַקטיק אַף אַ ריי יאָרן.

צוגעבנדיק אַן אומגעהויערע באַדייטונג דער אַגראַר־פראַגע, האָט לענין אויפמערקזאַם שטודירט די וויכוחים איבער אָט דער פראַגע אין דער דריטער מעלוכע־דומע און האָט אַנאַליזירט די באַציונג צו אָט דער פראַגע מיצאַד יעדער פּאָליטישער גרופּירונג אין דער דומע, און אין די רעדעס פון די טרודאָוויקעס און פון די פּויערשע דעפּוטאַטן בּיכלאַל, וואָס פלעגן אומדירעקט אָפּשפּיגלען די אינטערעסן פון פּויערטום, געפינט לענין אַ באַשטעטיקונג פון דער ריכטיקייט פון די באָלשעוויסטישע אידייען וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט פון אַ פּויערים־אויפשטאַנד און פון דעם, אַז די פּויערים פילן מיט דער נאַציאָנאַליזירונג פון דער ערד. אין אַן אַרטיקל, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פּשעגלאָנד סאָציאַלדע־מאָקראַטיטשני״ מאַכט לענין באַקאַנט די פּוילישע סאָציאַלדעמאָקראַטן מיט דער אַגראַר־פּראָגראַם פון די באָלשעוויקעס; אין זעלבן זשורנאַל פּאָלעמיזירט ער מיטן מענשעוויק פּ. מאַסלאָוו, וואָס פאַרטיידיקט די „מוניציפּאַליזירונג״; אין דער רוסישער אומלעגאַלער פּרעסע פירט לענין אַ קאַמף קעגן דעם אַגראַר־רעוויזיאָניזם פון מאַסלאָוו, וועלכער לייקנט אין מאַרקס טעאָריע וועגן דער אַבסאָליוטער רענטע, און קעגן פּלעכאַנאָוון, וואָס פאַרטיידיקט מאַסלאָוון.

בעיס זיין אופהאַלטן זיך אין זשענעווע פאַרנעמט זיך לענין אַסאַך מיט די פראַגן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־ און רעוואָליו־

ציאָנערער באַוועגונג אין אייראָפּע און אין מיזרעך („ברען־שטאָף אין
דער וועלט־פּאָליטיק”; „דער קריגערישער מיליטאַריזם און די אַנטימיל־
טאַריסטישע טאַקטיק פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע”, „די געשעענישן
אַף די באַלקאַנען און אין פּערסיע”), קאָנסטאַטירנדיק אַ פאַרשאַרפונג
פונעם קלאַסנקאַמף אין אַלע לענדער און אַן אויסערגעוויינלעכן וווּקס
פון מיליטאַריזם, וואָס זאָגט אָן די קומענדיקע קאַפּיטאַליסטישע מיל־
כאָמעס. איינצייטיק דערמיט שפּירט לענין נאָך נאָכן קאַמף צווישן די
רעוואָליוציאָנערע און אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונגען אינעם אינטערנאַ־
ציאָנאַלן סאָציאַליזם און פאַרטיידיקט די אָרטאָדאָקסאַל־מאַרקסיסטישע
שטעלונג צו מילכאָמעס און צום מיליטאַריזם. פון די רוסישע סאָציאַל־
דעמאָקראַטן פאָדערט לענין זיי זאָלן פירן אַ קאַמף קעגן דער אויסערן־
פּאָליטיק פון צאַריזם, וואָס איז געווענדעט אַף אונטערדריקן די רעוואָ־
ליוציאָנערע באַוועגונג אין די מיזרעך־לענדער. צו דעמזעלבן פּעריאָד גע־
הערט אויך דער קאַמף, וואָס לענין פירט קעגן דער אידיי פון נייטראַל־
קייט פון די פּראָפאַריינען (לענין דערווייזט די נויטיקייט פון אַ פאַר־
בינדונג און דערנעענטערונג צווישן די פּראָפאַריינען און דער פּאַרטיי,
די נויטיקייט פון דער אָנפירונג פון די פּראָפאַריינען מיצאַד דער פּאַרטיי),
זיין קריטיקירן די אָפּאָרטוניסטישע פעלערן פון דער סאָציאַלדעמאָקראַ־
טישער פראַקציע אין דער דומע מיטן צוועק אויסצוגלייכן די ליניע פון
דער פראַקציע; אַרטיקלען, וואָס דעקן אויף די קאָנטער־רעוואָליוציאָנעריש־
קייט פון די ליבעראַלן, וואָס קאָנסטאַטירן די ווייטערדיקע צעפאַלונג פון
די עסערן, אַרטיקלען וועגן טאָלסטאָי א. א. בעיים לענינס זיין אין זשע־
נעווע זיינען דאָסראָוו אַרטיקלען זיינע פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם
באָלשעוויסטישן „פּראָלעטאַרי”, וואָס איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין
זשענעווע איין וויכטיקער אַרטיקל („מאַרקסיזם און רעוויזיאָניזם”) איז
אָפּגעדרוקט געוואָרן אין רוסלאַנד, אינעם לעגאַלן זאַמלבוך „קאַרל מאַרקס
אָנדענק”.

אָנהייב 1908 י. זיינען בא די באָלשעוויקעס אופגעקומען גרויסע
בעלוקעדייעס איבער פּאָלאָזאָפישע פראַגן. לענין, וואָס האָט זיך זייט
1906 י. און אַפילע נאָך פריער באַצויגן נעגאַטיוו צו אַ. באָגדאַנאָווס
פילאָזאָפישע אָנשויונגען, האָט טייקעף געשטעלט זיך אַף אַן אָנפשאָ־

עסדיקער פאזיציע צו יענע באלשעוויקעס (א. באגדאנאוו, א. לונאטשארסקי, וו. באזאראוו), וואס האבן אין זאמלבוך „סקיצן איבער דער פילאזאפיע פון מארקסיזם" אנגעהייבן פריידיקן אידעאליסטישע אנשויונגען (מאכיזם אדער עמפיריאקריטיציזם). אט די פראפאגאנדע פון אידעאליזם און פילאזאפישן רעוויזיאניזם איז געווען איינע פון די אנטפלעקונגען פון יענער דעקאדענץ, וואס האט אנגעהייבן זיך פאנאנדערבליען אין דער „געזעלשאפט" און אין די פאליטישע פארטייען אפן באדן פון דער מאפאלע, וואס די רעוואליוציע האט געליטן און וואס האט טיילווייז פארכאפט אויך די באלשעוויקעס. צוגעבנדיק אן אויסשליסלעכע באדייטונג דער ריינקייט פון דער מארקסיסטישער אידעאלאגיע, האט לענין געפירט א שארפן קאמף קעגן די עמפיריאקריטיקער, ער האט פארטיידיקט דעם דיאלעקטישן מאטעריאליזם, די פילאזאפישע יעסוידעס פונעם מארקסיזם, אפגרענעצנדיק זיך פון די מאכיסטן אין דער פרעסע און אפן סאלידאריזירט זיך אין די פראגן פון פילאזאפיע מיט פלעכאנאוו, וואס איז אין אלגעמיין געשטאנען אפן ארטאדאקסאלן שטאנדפונקט. דאס האט, פארשטייט זיך, אף קיין האר ניט אפגעשוואכט לענינס קאמף קעגן פלעכאנאווס פאליטישן אפארטוניזם. אין אפרעל 1908 י. האט לענין, לויט גארקיס ביטע, באזוכט אפן אינדזל קאפרי די באלשעוויקעס-מאכיסטן און מ. גארקי, וואס האט זיי מיטגעפילט, אבער אט די נעסיע האט נאך מער באשטעטיקט זיין באשלוס וועגן דער נויטיקייט פון קאמף קעגן די רעוויזיאניסטן. אין הארבסט 1908 י. האט לענין פארענדיקט א גרויסע פילאזאפישע ארבעט „מאטעריאליזם און עמפיריאקריטיציזם" (קריטישע נאטיצן וועגן איינער א רעאקציאנערער פילאזאפיע), וואס איז דערשינען לעגאל אין פרילינג 1909 יאר. באם צוגרייטן אט דעם בוך האט לענין א געוויסע צייט געארבעט אין לאנדאן, אין בריטישן מוזיי. אינעם „מאטעריאליזם און עמפיריאקריטיציזם", וואס שטעלט פאר איינע פון די גרעסטע דערשיינונגען אין דער פילאזאפישער ליטעראטור פון מארקסיזם, גיט לענין א פארניכטנדיקע קריטיק די באלשעוויקעס-מאכיסטן און באווייזט דעם רעאקציאנערן, פארמאסקירטן „גאלאכישן" כאראקטער פון זייערע אנשויונגען.

די לאגע אין דער באלשעוויסטישער פראקציע האט זיך פארוויקלט

מיט דעם, וואָס צו די פילאָזאָפישע כעלוקעדייעס זיינען צוגעקומען פּאָליטישע: אין דער פּראַקטיק זיינען אופגעקומען „לינקע" אָפּנייגן — „אָפּרופיזם" און „אולטימאַטיזם", וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ווידערופלעבונג פון די אַלטע בויקאָטיסטישע שטימונגען און האָבן אין גרונט גענומען באַטייט אין אַ פאַרשיידענער פאָרם און אין אַ פאַרשיידענער מאָס דאָס אָפּלייקענען די נויטיקייט פאַר דער פּאַרטיי אָנצווענדן פּאַרלאַמענטישע קאַמף־מיטלען צוגלייך מיט די אומלעגאַלע. לויט זייער צוזאַמענשטעל זיינען די „מאַכיסטן" דאָסראָוו געווען אויך אָנהענגער פון אולטימאַטיזם און אָפּרופיזם. אין האַרבסט 1908 י. האָט זיך קעגן לענינען און דעם באָלשעוויסטישן צענטער, וואָס ער האָט געפירט, געשאַפן אַ היפּשע „לינקע" אָפּאָזיציע: א. באָגדאַנאָוו, א. לונאַטשאַרסקי, וו. באַזאַראָוו, מ. ליאַדאָוו, ל. קראַסין, ג. אַלעקסינסקי, וו. שאַנצער־מאַראַט א. א. מיטן אַרטיקל „וועגן צוויי בריוו" (אין „פּראָלעטאַרי", נאָיאַבער 1908 י.) האָט לענין אָנגעהויבן דעם קאַמף קעגן אָפּרופיזם־אולטימאַטיזם, וואָס האָבן זיך גאַנץ שטאַרק פאַרשפּרייט אין די רוסישע אָרגאַניזאַציעס, און קעגן דער טאָלעראַנטער באַציונג צו זיי.

אין אַווגוסט 1908 י. האָט לענין אָנטייל גענומען אינעם פּלענום פון צ. ק., אויף וועלכן די מענשעוויקעס האָבן זיך געפּרוווט דורכפירן אַ באַשלוס וועגן אָפּשאַפן דעם צ. ק. אַלס אַן אָנפירנדיקן אָרגאַן, פאַרוואַנדלענדיק אים אין אַ ריין אינפאָרמאַטאָרישע אינסטיטוציע. אונטער לענינס אָנפירונג, וועלכער האָט קוואַליפיצירט די פּלענער פון די מענשעוויקעס ווי אַ פאַרשווערונג קעגן דער פּאַרטיי, איז דער ערשטער אָנפאַל פון די ליקווידאַטאָרן אָפּגעשלאָגן געוואָרן. פון דעם פּעריאָד אָן (אַווגוסט—נאָיאַבער 1908 י.) הייבט זיך אָן אונטער לענינס אָנפירונג דער קאַמף פון די באָלשעוויקעס אויף צוויי פראָנטן אינעווייניק אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע: קעגן די ליקווידאַטאָרן פון רעכטס (מענשעוויקעס) און די ליקווידאַטאָרן פון לינקס (אָפּרופיסטן); אין אָט דעם קאַמף פאָדערט לענין די ריינינונג פון דער פּאַרטיי פון די קליינבירגערלעכע „מיטלויפער" פון ביידע מינים.

צוערשט האָט לענין דעם הויפּט־קלאַפּ געווענדעט קעגן דעם אָפּרופיזם, וועלכן ער האָט כאַראַקטעריזירט ווי „מענשעוויזם פון דער לינקער

ניט"; נאך דעם ווי דער אנטיפארטעישער אינהאלט פון אפרופיזם איז פולשטענדיק דעמאסקירט און אופגעדעקט געווארן (אין הארבסט 1909 י.), איז די צענטראלע אופגאבע געווארן דער קאמף קעגן די ליקווידאטארן. אין א ריי ארטיקלען האט לענין דערוויזן, אז דער אפרופיזם־אולטימאטיזם פארט זיך לאכלוטן ניט מיטן באלשעוויזם (זע באזונדערס דעם ארטיקל „א קאריקאטור אף באלשעוויזם"). דעם 4—15 יולי 1909 י. איז אין פאריז אונטער לענינס אנפירונג פארגעקומען די אזוי גערופענע „בארא־טונג פון דער פארברייטערטער רעדאקציע פונעם „פראלעטארי" („באל־שעוויסטישער צענטער"), וועלכע האט לויט לענינס פארשלאג געגעבן א געהעריקע אפשאצונג דעם אפרופיזם און האט אויסגעשלאסן פון דער פראקציע באלשעוויקעס באגדאנאוון, וועלכער האט זיך געשטעלט אפן וועג פון שאפן זיין אייגענע פראקציע אין דער פארם פון דער קאפרי־שול, וואס ער האט ארגאניזירט. נאך באגדאנאוון האבן זיך געשטעלט אויסער די גרענעצן פון באלשעוויזם אויך די איבעריקע אפרופיסטן, אולטימאטיסטן און „גאט־בויער", וואס האבן שפעטער געשאפן די גרופע „וופעריאד".

נאכן אויסשליסן באגדאנאוון האט לענין פארגעזעצט פירן א שארפן קאמף קעגן די „לינקע" („וועגן דער פראקציע פון די אנהענגער פון אפרופיזם און גאט־בויונג", „א שמועס מיט די פעטערבורגער באלשע־וויקעס") און דעמאסקירן דעם פראקציאנעלן כאראקטער פון דער קאפרי־שער שול, וואס איז געווען ניט קלאר פאר א טייל ארבעטער באלשעווי־קעס, וועלכע זיינען געקומען פון רוסלאנד אין את דער שול. לענינס קריטיק האט געבראכט צו א שפאלטונג אין דער שול און צום אריבערגאנג אפן צאד פון די באלשעוויקעס־לענינצעס פון א טייל ארבעטער, וועלכע זיינען דערפאר שפעטער אויסגעשלאסן געווארן פון דער שול. זיי זיינען אין נאיאבער געקומען קיין פאריז, און דארט האט לענין פאר זיי געלייענט א סעריע לעקציעס. את דעם ציקל לעקציעס האט ער שפעטער, אין דעקאבער, איבערגעכאזערט פאר די איבעריקע צוהערער פון דער קאפרישער שול (די באגדאנאווצעס), וועלכע פלעגן אויך קומען קיין פאריז. דער קאמף אונטער לענינס אנפירונג קעגן די אפרופיסטן אין רוסלאנד, ווו זיי האבן געהאט א גרויסע ווירקונג, האט געטראגן זייער א

שארפן כאראקטער און האט זיך פארענדיקט מיטן זיג פון די באלשעוויקעס־לענינצעס.

פירנדיק א קאמף פאר איינהייטן די רעוואליוציאנערע פארטיי קעגן די ליקווידאטארן, וואס האבן געפריידיקט איר אומנויטיקייט, האט לענין אנגעוויזן, אז די אופגאבן פון די באלשעוויקעס באשטייען אין „דערציִען געדולדיק די פארטעישע עלעמענטן, באהעפטן זיי, שאפן א בעעמעס איינהייטלעכע און פעסטע פראלעטארישע פארטיי". דורכפירנדיק א סיסטעמאטישע קריטיק איבער די אנשויונגען פון די „אפרופיסטן" און ליקווידאטארן, זאגט זיך לענין ארויס פאר א דערנענטערונג מיט פלעכאנאוון און מיט די מענשעוויקעס־פארטייער (פלעכאנאווצעס), אף וויפל זיי האבן זיך געשטעלט אפן וועג פון קאמף קעגן דער ליקווידאטאריי פאר איינהייטן די אומלעגאלע פארטיי.

פון 15 יאנואר ביזן 5 פעווראל 1910 י. באטייליקט זיך לענין אין די ארבעטן פון דעם אזוי גערופענעם פאראייניקונג־פלענום פון צ. ק. (אין פאריז), אף וועלכן ס'זיינען געווען פארטראטן קימאט אלע שטרעמונגען און ריכטונגען פון דער ר. ס. ד. א. פ. און די נאציאנאלע פארטייען. דער פלענום האט זיך געשטעלט פאר אן אופגאבע צו פאראייניקן די פארטיי. אט די פאראייניקונג איז מעגלעך געווען נאר אפן יעסאד פון א שטרענג רעוואליוציאנערער פלאטפארם. אזוי ווי אפן פלענום איז בייגעווען א היפשע צאל שאלעם־מאכער, ווי אויך צווישן די באלשעוויקעס, האט די רעזאליוציע, וואס דער פלענום האט איינשטימיק אנגענומען (פאר איר האבן געשטימט אויך די מענשעוויקעס), הגם עס האט זיך אין טאך גענומען גערעדט אין איר וועגן פאראייניקן נאר די פארטעישע עלעמענטן און וועגן קאמף אף צוויי פראנטן (קעגן די ליקווידאטארן און די אפרופיסטן) און אין דעם זינען איז זי, אין אלגעמיין, צענויפגעפאלן מיט לענינס אנשויונגען, פונדעסטוועגן האט זי פארט ניט געהאט קיין פולקום באשטימטן כאראקטער, איבערלאזנדיק געוויסע זייטנשטעגלעך פאר די ליקווידאטארן. לענין, וואס איז בייגעווען אפן פלענום מיט באראטונג־שטימע אלס מיטגליד פון דער רעדאקציע פונעם צענטראלן ארגאן „סאציאל־דעמאקראט", צו וועלכער ער האט געהערט זייט יאנואר 1909 י., האט געפאדערט א שארפערע פארמולירונג פון דער אידיי פון

קאַמף אַף צוויי פראָנטן און איז געווען פאַר אַ „בונד פון צוויי פראַק-
ציעס" (באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס-פלעכאַנאָווצעס). אָבער די שאַ-
לעם-מאַכער, וואָס האָבן געהאַט די אויבערהאַנט אַפן צוזאַמענפאָר, באַ-
זונדערס טראָצקי, וואָס איז, קלוימערשט, געשטאַנען אויסער יעדער
פראַקציע, האָבן מיט דער אונטערשטיצונג פון די באָלשעוויקעס—שאָלעם-
מאַכער (א, דובראָווינסקי, ל. קאַמענעוו א. א.) אַריינגענומען אין דער
פאַריייניקונג אויך די „גאָלאָסאָווצעס" („גאָלאָס סאָציאַלדעמאָקראַטאַ"—
דער אָנפירנדיקער אויסלענדישער אָרגאַן פון די מענשעוויקעס), די טראַצ-
קיסטן און די ווּפעריאָדאָווצעס, דורכפירנדיק צו דערזעלבער צייט דעם
פאַנאַנדערלאָז פון אַלע פראַקציעס אָן די נויטיקע גאַראַנטיעס, וואָס זאָלן
זיכערן די טעטיקייט פון די באָלשעוויקעס. ניט געקוקט אַף אַ ריי כעס-
רוינעס, האָט די רעזאָליוציע פונעם פלענום, וואָס האָט באַטראַכט דעם
אָפּרופיזם און די ליקווידאַטאָריי ווי אָן „אַנטפּלעקונג פון דער בורזשואַ-
זער ווירקונג אַפן פראָלעטאַריאַט", פאָרט געקאָנט זיין אַ באַזע פאַר דער
פאַרייניקונג פון דער פאַרטיי אונטערן באַדינג, אַז מע זאָל די רעזאָליוציע
געווויסנהאַפטיק אויספילן. אָבער, ווי לענין האָט טאַקע פאָרויסגעזען, האָט
זיך די „פאַרייניקונג" פון דער פאַרטיי, וואָס דער פלענום האָט פראָקלאַ-
מירט, אַרויסגעוויזן פאַר פיקטיוו, ווייל טייקעף נאָכן פלענום האָבן די
„גאָלאָסאָווצעס" אויפגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן זיינע באַשלוסן, פריי-
דיקנדיק די טעאָריע פון „גלייכבאַרעכטיקונג" פון אַלע שטרעמונגען, פון
גלייכבאַרעכטיקונג פון די ליקווידאַטאָרן-לעגאַליסטן מיט די רעוואָליו-
ציאָנערן-פאַרטייער, מיט דער ר. ס. ד. א. פ. לענין האָט אָנגעהויבן פירן
אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן דעם אָראָפּרייסן די באַשלוסן פונעם פלענום
מיצאַד די „גאָלאָסאָווצעס", ער האָט דעמאַסקירט דעם בורזשואַזן כאַראַק-
טער פון די לעגאַליסטן, שטעמפּלענדיק זיי אַלס סאָנים פון דער סאָציאַל-
דעמאָקראַטיע. „די פאַרשווערונג קעגן דער פאַרטיי איז אויפגעדעקט. אַלע,
וועמען ס'איז טייער די עקזיסטענץ פון דער ר. ס. ד. א. פ., שטעלט זיך
צום שוץ פון דער פאַרטיי!" — האָט געשריבן לענין. די יאָרן 1910—
1911, ווען אַ טייל ליקווידאַטאָרן האָט געפירט אַ קאַמפּאַניע קעגן דער
פאַרטיי אין דער לעגאַלער פרעסע, אָנרופנדיק די פאַרטיי „אַ מעס", אַ
ווען דער אַנדער טייל (די „גאָלאָסאָווצעס") האָבן דעמאָראַליזירט

אופגעריסן די פּאַרטיי פון אינעווייניק, זיצנדיק אין אַפּאַראַט גופא פון דער פּאַרטיי, — דאָס איז געווען אַ פּעריאָד ווען לענין האָט אָפן סאַמע אַקשאָנעסדיקן אויפן געקעמפט דערפאַר, אַז די פּאַרטיי זאָל אײַנהיטן איר רעוואָליוציאָנערן כאַראַקטער. אָט דעם קאַמף פאַר דער פּאַרטיי, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַן אויסערגעווייַנלעכער אָנשטרענגונג פון אַלע קויכעס, מיטן בײַקומען די קעסיידערדיקע אינטריגעס מיצאַד די מענשעוויקעס, וואָס זײַנען געזעסן אין די צענטראַלע אַנשטאַלטן פון דער פּאַרטיי און פלעגן אָראָפּרײַסן איר אַרבעט, איז לענינען אויסגעקומען צו פירן בײַ זייער שווערע באַדינגונגען, ביפּראַט נאָך ווייל אין יענע יאָרן האָבן זיך שטאַרק פאַרשפּרייט פאַרפוילטע „שאָלעם־מאַכערישע" שטימונגען, וואָס פלעגן קולטיווירט ווערן מיצאַד אַלערליי גרופּן און שטרעמונגען (באַזונדערס דורך טראָצקין) און וואָס פלעגן פאַרלאַנגען פאַרייניקונג אום וואָס עס זאָל ניט זײַן, מיטן פּרייז פון קאַפּיטוליאַציע פון דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַלדעמאָקראַטיע פאַר דער ליקווידאַטאָרײַ. אויך קעגן די שאָלעם־מאַכער פון אַלערליי ריכטונגען (טראָצקי, מיט זײַן ווינער „פּראַוודאַ", בונד, באָלשעוויקעס־טאָלעראַנטלער, דערנאָך די פּאָליאַקן) פירט לענין אַן אָנפּשאָרעסדיקן קאַמף („דער פאַרייניקונג־קריזיס אין אונדזער פּאַרטיי", „וועגן דער נייער פראַקציע שאָלעם־מאַכער אָדער צניעסדיקע לייט", „וועגן טראָצקיס דיפּלאָמאַטיע און וועגן איין פּלאַטפאָרם פון די פּאַרטייער", „וועגן דער לאַגע אין דער פּאַרטיי"). „זיצן אין געדיכטעניש... פון אָט די אינטריגעס, סקאַנדאַלן, טומל און „שוים" איז פּאַסקודנע — האָט לענין געשריבן מ. גאָרקין דעם 11 אַפּרעל 1910 י., — בלויז צוקוקן זיך צו דעם אַלעם איז מיעסומאָעס. אָבער מע טאָר זיך ניט אָפּגעבן שטימונגען. די עמיגראַנטשטינע איז איצט 100 מאָל שווערער, ווי עס איז געווען פאַר דער רעוואָליוציע. עמיגראַנשטשינע און אינטריגעס זײַנען אומצייילבאַר. אָבער די אינטריגעס וועלן אָפּפאַלן... און די אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיי, די אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער באַוועגונג שפּרייזט פאָרויס דורך אַלע טייוולאָנישע שוועריקייטן פון דער איצטיקער לאַגע. דאָס אָפּרייניקן די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון אירע געפערלעכע „אָפּנויגן", פון ליקווידאַטאָרײַ און אָטרופּיזם גייט קעסיידער פאָרויס... מיטן אָטרופּיזם האָבן מיר שוין געמאַכט אַ סאָף, אייגנטלעך

נאָך פאַרן פּלענום. מיט דער ליקווידאַטאָריי האָבן מיר דעמאָלט ניט פאַרענדיקט, די מענשעוויקעס האָט זיך איינגעגעבן אַף אַ שטיקל צייט צו באַהאַלטן די שלאַנג, אָבער איצט האָט מען זי ארויסגעשלעפּט אַף דער ליכטיקער שיין, איצט זעען זי אַלע, איצט וועלן מיר זיך נעמען זי צו פאַרניכטן און וועלן זי פאַרניכטן!" אין אַ ריי אַרטיקלען, וואָס זיינען דערהויפּט געדרוקט אין „סאָציאַלדעמאָקראַט", פאַרצייכנט לענין ניט נאָר טראָט נאָך טראָט דעם פּראָצעס פון אָרגאַניזאַציאָנעלער אויספורעמונג פון די ליקווידאַטאָרן, דעם פּראָצעס, אין וועלכן זיי באַשאַפן אַ באַזונדערע „סטאָליפּינישע אַרבעטער־פּאַרטיי", וואָס איז אַ דאַם־סוינע דער רעוואָליוציאָנערער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און וואָס פירט אַ קאַמף פאַר צושטערן זי און אירע צענטראַלע אַנשטאַלטן („די שטימע" פון די ליקווידאַטאָרן קעגן דער פּאַרטיי", „אַ געשפּרעך פון לעגאַליסטן מיט אַ קעגנער פון ליקווידאַטאָריי"), ער באַווייזט אויך דעם דורך און דורך ליבעראַלן און רעפאָרמיסטישן כאַראַקטער פון דער פּאָליטיק פון די „אומאָפּהענגיקע לעגאַליסטן", וועלכע לייקענען אין דער העגעמאָניע פונעם פּראָלעטאַריאַט און זאָגן זיך אָפּ פון דער רעוואָליוציע („אונדזערע אָפּשאַפער", „וועגן דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער מאַכט, וועגן די פּערספּעקטיוון און דער ליקווידאַטאָריי").

סאָף פונעם 1910 יאָר, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער אופשטייג פון דער אַרבעטער באַוועגונג, האָט לענין, פאַרזעצנדיק די אַרבעט אינעם „סאָציאַל־דעמאָקראַט" און „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ", וועלכע פלעגט אויך דערשיינען אין אויסלאַנד, פירט לענין אידעיש אָן מיט די לעגאַלע אָרגאַנען אין רוסלאַנד, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן באַ זיין אַנטשיידנדיקן אָנטייל: מיט דער צייטונג „זוויעזדאַ" (פּעטערבורג) און מיטן זשורנאַל „מיסל" (מאָסקווע). פון אַפּרעל 1912 י. אָן הייבט אָן צו דערשיינען, אַנשטאָט דער „זוויעזדאַ", די „פּראַוודאַ", און פון סאָף 1911 י., אָנשטאָט דער פאַרמאַכטער „מיסל", — „פּראָסוויעשטשעניע" (פּעטערבורג). אין די אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין אָט די אָרגאַנען, גיט לענין אַף אַסאַך אופמערקזאַמקייט דעם קאַמף קעגן די ליקווידאַטאָרן (און די ופּעריאָדאָווצעס).

פאַר לענינען איז געווען קלאָר, אַז מע קאָן בעשומויפן ניט דולדן דאָס

וויטערדיקע פאַרבלייבן אין דער פּאַרטיי פון די ליקווידאַטאָרן, וואָס שטעלן פאָר אַן אַגענטור פון דער בורזשואַזיע אין די רייען פונעם רעוואָ-ליוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. קעדיי צו מאַכן אַ סאָף צו אַזאַ לאַגע, באַ וועלכער מע באַטראַכט די ליקווידאַטאָרן ווי אַ געזעצלעכן טייל פון דער פּאַרטיי, וואָס פאַרמאָגט אַ פאָרשטייערשאַפט אין אירע אָנפירנדיקע אָר-גאַנען און וואָס נוצט אויס אָט די פאָרשטייערשאַפט קעדיי אַריינצו-טראָגן דעזאָרגאַניזאַציע אין דער פּאַרטיי, פאָדערט לענין צוערשט מע זאָל צונויפרופן אַ פּלענום פון צ. ק., וועלכער באַשטייט פון פאָרשטייער פון אַלערליי פראַקציעס און שטרעמונגען (אין דער ר. ס. ד. א. פּ. זיינען געווען אויך פּאָליאַקן, לעטן און בונדאָווצעס), קעדיי צו געפינען אַ „לע-גאַלן" אויסוועג פונעם קריזיס, אַן אויסוועג, וואָס שטיצט זיך אַף דער פּאַרטיי-קאָנסטיטוציע. נאָך דעם ווי די ליקווידאַטאָרן, וואָס זיינען פאַרינ-טערעסירט געווען אינעם פאַנאַנדערפאַל פון צ. ק., ווו די מערהייט האָט געהערט די באָלשעוויקעס, האָבן אַראָפּגעריסן דעם צונויפרוף פונעם פּלע-נום, נעמט לענין אָן אַ פעסטן קורס אַף ברעכן מיט די ליקווידאַטאָרן איבער דער גאַנצער ליניע. קוידעמקאָל רייסט ער איין אין מיי 1911 י. מיטן אַזוי גערופענעם אויסלענדישן ביוראָ פון צ. ק., וואָס איז געוואָרן אַ ווערקצייג אין די הענט פון די ליקווידאַטאָרן און וואָס האָט מיט אַלע מיטלען טאָרמאָזירט דעם צונויפרוף פון פּלענום. דעם 10—17 יוני קומט פאָר אין פּאַריז אַ באַראַטונג פון צעקיסטן, וואָס לענין האָט צונויפגערופן. לויט לענינס איניציאַטיוו נעמט די באַראַטונג אָן אַ באַשלוס וועגן צוזאַ-מענרופן אַ קאָנפערענץ פון רוסישע פּאַרטעישע אָרגאַניזאַציעס און קעדיי צוצוגרייטן די קאָנפערענץ שאַפט די באַראַטונג די נויטיקע אַנשטאַלטן (אַן אויסלענדישע אָרגאַניזיר-קאָמיסיע און אַ טעכנישע קאָמיסיע). אָט די מאָסמיטלען האָט לענין דורכגעפירט אין אַ בלאָק מיט די פּוילישע סאָציאַלדעמאָקראַטן און מיט באָלשעוויקעס-טאָלעראַנטלער; אין ביידע דערמאָנטע אינסטיטוציעס זיינען די באָלשעוויקעס-לענינצעס געווען אין אַ מינדערהייט. מיטן זעלבן צוועק אַלזייטיק אָפּצוגרענעצן זיך פון די ליקווידאַטאָרן און קעדיי צוצוגרייטן דעם ענדגילטיקן איינרייס מיט זיי, פירט לענין דורך אין יולי 1911 י. אַף דער פאַרזאַמלונג פון דער 2-טער פּאַריזער גרופּע אַ גרויסע פּרינציפּיעלע רעזאָליוציע, ווו עס ווערט אויס-

פירלעך אופגעקלערט די פראַגע וועגן ליקווידאַטאָריי, און נעמט אוף מיט באַפרידיקונג מאַרטאָווס און דאַנס דערקלערונג וועגן זייער אַרויסטריט פון דער רעדאַקציע פונעם „סאָציאַל־דעמאָקראַט". דעם 27—30 דעקאַבער 1911 י. באַטייליקט זיך לענין ענערגיש אין דער באַראַטונג פון די אויס־לענדישע פאַריזער גרופן, וואָס איז פאָרגעקומען אין פאַריז, און טרעט דאָרט אַרויס מיט אַ פאָרטראָג וועגן דער לאַגע אין דער פאַרטיי, וואָס איז הערייקער געווענדעט געווען קעגן די ליקווידאַטאָרן. די סינע פון די ליקווידאַטאָרן צו לענינען איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מאַרטאָוו האָט אַרויסגעלאָזן אַ מיעסע רעכילעסדיקע בראָשור „רעטער אָדער אָפּשאַפּער?" וואָס איז דעריקער געווענדעט געווען קעגן לענינען און וועלכע קאַוטסקי האָט באַצייכנט אַלס אַן „עקלדיקע".

נאָך דעם ווי דער לידער פון דער פוילישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע טישקאָ האָט פאַרנומען אַ בעפיירעש שאָלעם־מאַכערישע פּאָזיציע, שטרעבנדיק צו אַן אָפּמאַך מיט די ליקווידאַטאָרן, האָט לענין געבראָכן מיט די טישקיסטן און מיט די באָלשעוויקעס־טאָלעראַנטלער, וואָס האָבן זיך מיט זיי בלאָקירט. לויט לענינס אָנווייזונג טרעטן אַרויס די באָלשע־וויקעס־לענינצעס פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע און פון דער טעכנישער קאָמיסיע, און דעם צונויפרוף פון דער קאָנפערענץ נעמט אײַנגאַנצן אף זיך די רוסלענדישע אָרגאַניזיר־קאָמיסיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין רוסלאַנד און וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון לענינען. אָט די קאָמיסיע האָבן אויך אונטערגעשטיצט די אַרבעטער־פלעכאַנאָווצעס. אָט די קאָנפערענץ, וואָס אף צונויפרופן זי, מיטן ציל ווידער אופצושטעלן די פאַרטיי, איז לענינען אויסגעקומען צו פירן אַן אָנראַכמאָנעסדיקן קאַמף וועגן די ליקווידאַטאָרן, טראָצקיסטן, ווּפעריאָדאָווצעס, באָלשעוויקעס־טאָלעראַנטלער, פוילישע סאָציאַלדעמאָקראַטן א. א., איז פאָרגעקומען דעם 18—30 יאַנוואַר 1912 י. אין פּראָג. די קאָנפערענץ (עס זיינען געווען פאַרטראָטן אַלע אומלעגאַלע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין רוסלאַנד) האָט זיך לויט לענינס פאָרשלאָג קאָנסטיטוירט אַלס אויי־בערשטער אָרגאַן פון דער פאַרטיי, האָט אויסגעשלאָסן פון דער פאַרטיי די ליקווידאַטאָרן, האָט אויסגעאַרבעט אַ ריי טאַקטישע רעזאָליוציעס, וואָס פון זיי האָבן אַ באַזונדערע באַדייטונג די רעזאָליוציעס וועגן איצ־

טיקן מאָמענט און וועגן די וואַלן אין דומע, און האָט אויסגעקליבן אַ צ. ק., אין וועלכן ס'איז אריין אויך לענין. אָט די קאָנפערענץ, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן אין אַ פעריאָד פון אַ נייעם אופשטייג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָך אַ דויערנדיקער עפּאָכע פון רעאַקציע, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער געשיכטע פון דער פאַרטיי.

אינעם פעריאָד צווישן דער „דעקאַבערישער" קאָנפערענץ פון 1908 י. און דער פּראַגער פון 1912 י. האָט לענין קאָנצענטרירט זיין אופמערקזאַמקייט דעריקער אַפן קאַמף פאַר דער פאַרטיי, קעגן די ליקווידאַטאָרן און שאָלעם־מאַכער, און האָט גלייכצייטיק פאָרגעזעצט צו באַארבעטן אין דער פרעסע אַלע גרונט־פראַגן פון דער רעוואָליוציע, דערווייזנדיק די ריכטיקייט פון דער פּאָליטיק, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן פאַרטיידיקט, און אופדעקנדיק דעם רעפאָרמיסטישן און אָפּאָרטוניסטישן טאָך פון דער מענשעוויסטישער פּאָזיציע, פון טראָצקין און אַנדערע. פון די פראַגן, מיט וועלכע לענין האָט זיך שטאַרק פאַרנומען אין יענעם פעריאָד, דאַרף מען פאַרצייכענען אָט די: אופצוקלערן דעם קוק פון די סאָציאַלדעמאָקראַטן אַף רעליגיע; דאָס אָפּשאַצן די קלאַסן און פאַרטייען אין זייער באַציונג צו רעליגיע און קירך; אַן אָפּשאַצונג פונעם באַוווסטן קאַדעטישן זאַמלבוך „וויעכי" (וועגצייכנס) אַלס אַן „ענציקלאָפעדיע פון ליבעראַלן רענעגאַטנטום"; אַרטיקלען וועגן טאָלסטאָי אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין טויט; אַרטיקלען אין צוזאַמענהאַנג מיטן יובילֵיי פון דער פויערשער רעפאָרם פון 1861 י.; אַן אָפּשאַצונג פון דער סטאָליפּיניאַדע; אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דער וואַלקאַמפּאַניע אין דער פערטער דומע; אַן אַרטיקל „וועגן דער שטרייק סטאַטיסטיק אין רוסלאַנד", וואָס איז געווידמעט דעם אַנאַליז פון דער שטרייק־באַוועגונג אין די יאָרן 1905—1907 א. א. וו. כוץ זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, פלעגט לענין זומער 1911 י. סיסטעמאַטיש לייענען לעקציעס אין דער פאַרטיי־שול אין לאָנזשומאָ (נעבן פּאַריז).

דעם 7 נאָיאַבער 1909 י. האָט לענין זיך באַטייליקט אין די זיצונגען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ אין בריוסעל. דערביי איז ער אין דער פראַגע וועגן דער שפּאַלטונג אין דער האָלענדישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע געווען אַפן צאַד פון די לינקע האָלענדישע מאַרקסיסטן, וואָס האָבן געקעמפט קעגן זייערע אָפּאָרטוניסטן. דעם 28 אָוו־

גוסט—3 סענטיאַבער 1910 י. באַטייליקט זיך לענין אין דער אַרבעט פון קאָפּענהאַגענער קאָנגרעס פון II אינטערנאַציאָנאַל, אָפּגעבנדיק אַסאַך אופמערקזאַמקייט דער פראַגע וועגן פּראָלעטאַרישע קאָאָפּעראַטיוון און באַטייליקנדיק זיך אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאָמיסיע. אין אַן אַרטיקל „די פראַגע וועגן קאָאָפּעראַטיוון אַפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין קאָפּענהאַגען" האָט לענין, וואָס האָט אופמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָכן קאַמף צווישן די שטרעמונגען אַפן קאָנגרעס און אינגאַנצן געווען אַף דער זייט פון לינקן פליגל (לויט זיין איניציאַטיוו האָט מען אַפילע צונויפגערופן אַ פּריוואַטע באַראַטונג פון די לינקע), געשריבן וועגן דעם, אַז „די העגעמאָניע אינעם אינטערנאַציאָנאַל גליטשט זיך צומאָל אַרויס" פון די הענט פון די דייטשישע סאָציאַלדעמאָקראַטן, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר די פאָרשטייער פון דער מאַרקסיסטישער אָרטאָדאָקסיע אינעם II אינטערנאַציאָנאַל, און האָט אונטערגעשטראָכן „דעם קריזיס אין דער דייטשישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וועלכער באַשטייט אינעם אָנוואַקסן פון אַן אומפאַרמיידלעכער, אַנטשיידענער אָפּגרענעצונג פון די אָפּאָרטוניסטן". באַ לענינען זיינען אַזוי אַרום ניט געווען קיין שום אילוזיעס מיקויעך דער עמעסער לאַגע אינעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, וואָס האָט אַלץ מער זיך אונטערגעגעבן דער ווירקונג פון די אָפּאָרטוניסטן. נאָכן קאָנגרעס איז לענין אַף אַ געוויסע צייט געפאָרן קיין שטאָקהאָלם אַף צו זעען זיך מיט דער מוטער און אַף צו אַרבעטן אין דער שטאָקהאָלמער ביבליאָטעק. דעם 23—24 סענטיאַבער 1911 י. האָט לענין אָנטייל גענומען אין דער אַרבעט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ אין ציוריך, פאַרטיידיקנדיק קעגן די אָנפאַלן מיצאַד דעם צ. ק. פון דער דייטשישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע ר. ליוקסעמבורג, וועלכע האָט בעיים די רייכסטאַג־וואַלן דעמאַסקירט דעם אָפּאָרטוניזם פון איינעם פון די פירער פון דער דייטשישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אין דער פראַגע פון דער באַציונג צו די קאָלאָניעס.

צוליבן אופשטייג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און דער נויטיקייט צו זיין דעריבער נעענטער צו דער לעגאַלער פרעסע אין פעטערבורג, פאָרט לענין אַריבער אָנהויב יולי 1912 י. קיין קראָקע און בלייבט דאָרט ביז מיי 1913 יאָר. אינעם פעריאָד פון נאָך דער פראָגער קאָנפערענץ, וועלכע

האָט אַרויסגערופן קעגן זיך אַ ווילדע העצע מיצאַד די ליקווידאַטאָרן, די נאַציאָנאַלע פּאַרטייען, טראָצקין און מיצאַד אַנדערע אויסלענדישע גרופּעס, וואָס האָבן זי באַשולדיקט אין „אוזורפּירן" און „שפּאַלטונג", איז איינע פון לענינס וויכטיקסטע אויפגאַבן באַשטאַנען אין פּאַרטיידיקן אָט די קאָנפערענץ און אירע באַשלוסן, אין אויפקלערן און באַלויכטן איר ראָליע און באַדייטונג פאַר די רוסישע אַרבעטער אין דער „פּראַוודאַ", פאַר דער דייטשישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וואָס האָט געשיצט די ליקווידאַטאָרן און זייערע פּאַרטיידיקער, פאַר דער פּוילישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, אין וועלכער ס'איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג און ווו אַ טייל האָט סימפּאַטיזירט מיט די באָלשעוויקעס. דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער דייטשישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע „פאָרווערטס" האָט פאַרעפנטלעכט אָן אַן אונטערשריפט טראָצקיס אַן אַרטיקל פול מיט ליגנס וועגן דער קאָנפערענץ און האָט אָפּגעזאָגט זיך געבן פּלאַץ פאַר אַן ענטפער פון די באָלשעוויקעס. דעריבער האָט לענין, קעדיי צו באַקאָנען די דייטשישע סאָציאַלדעמאָקראַטן מיט דער ווירקלעכער לאַגע, אַרויסגעגעבן אויף דייטש די בראָשורעס „דער אַנאָנים פון פאָרווערטס" (מאַרט 1912 י.) און „וועגן דער איצטיקער לאַגע אין דער ר. ס. ד. א. פּ." (יולי—סענטיאַבער 1912 י.). צוויי אַרטיקלען וועגן דער לאַגע פון דער פּאַרטיי און וועגן טישקאָס שאָלעם־מאַכערישער דיפּלאָמאַטיע האָט לענין אין יולי און נאָיאַבער 1912 יאָר פאַרעפנטלעכט אין די אָרגאַנען פון דער פּוילישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אָפּאָזיציע. אויף די שפּאַלטן פון „פּראַוודאַ", „פּראָסוויעשטשעניע" און פון אומלעגאַלן „סאָציאַל־דעמאָקראַט" פירט לענין ווייטער אַ שאַרפן קאַמף קעגן די ליקווידאַטאָרן און קעגן דעם „אויגוסט־בלאָק", וואָס טראָצקי האָט אָרגאַניזירט, אַ בלאָק פון ליקווידאַטאָרן, טראָצקיסטן, בונדאָווצעס, לעטן א. א. מיטן ציל צו באַקעמפן די באָלשעוויקעס. לענין דעמאַסקירט דעם ליקווידאַטאָרישן טאָך פון אָט דעם בלאָק, דערווייזנדיק, אַז ער שטעלט אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט פונעם פּראָלעטאַריאַט דעם לאָזונג פון „פרייהייט פון קאָאַליציעס" און ניט דעם קאַמף אויף אַראָפּוואַרפן די זעלבסטהערשונג; אַז ער פאַרטושירט דעם לאָזונג פון רעפּובליק, אַז ער באַציט זיך נעגאַטיוו צו רעוואָליוציאָנערע מאַסן־שטרייקן, אַז ער פריידיקט קאָנסטיטוציאָנעלע

רעפאָרמעס און גלויבט ניט אין דער אומפאַרמיידלעכקייט און נויטווענדיקייט פון דער רעוואָליוציע. אָט דער רעפאָרמיסטישער פּאָליטיק שטעלט לענין אַנטקעגן די רעוואָליוציאָנערע פּראָגראַם און באַשטייט, אַז מע מוז קעמפן פאַר איר בכלל און באַזונדערס בעיס די וואַלן צו דער פערטער דומע (אין 1912 יאָר). פון די אַרטיקלען, וואָס זיינען געווענדעט קעגן די ליקווידאַטאָרן און צום שוץ פון דער פּאַרטיי־ליניע דאַרף מען פאַרצייכענען די פאָלגנדיקע: „ווי אַזוי פּ. ב. אַקסעלראָד דעמאַסקירט די ליקווידאַטאָרן", „די פּלאַטפאָרם פון די רעפאָרמיסטן און די פּלאַטפאָרם פון די רעוואָליוציאָנערע סאָציאַלדעמאָקראַטן" (1912 י.), „שטרייטיקע פּראַגן", „ווי אַזוי וויערא זאַסוליטש האַרגעט די ליקווידאַטאָריי" (1913 י.).

בעיס די וואַלן צו דער פערטער דומע קעמפט לענין קעגן דעם ליקווידאַטאָרישן לאָזונג „אַרויסרייסן די דומע פון די הענט פון דער רעאַקציע" און העלפן די קאַדעטן „קומען צו דער מאַכט"; לענין פאָדערט אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטיק פון פּראָלעטאַריאַט (די לאָזונגען פון אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, פון אַן 8־שאָעדיקן אַרבעט־טאָג, פון קאָנפיסקירן די פּריצישע ערד) און קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט פאַר דער דעמאָקראַטיע, פאַר איר באַפרייונג פון דער קאַדעטישער העגעמאָניע („די סאַכאַקלען פון די וואַלן"). דער וואַלקאַמף, וואָס איז אידעיש אָנגעפירט געוואָרן פון לענינען, האָט געבראַכט צו אַ גרויסן דערפאָלג פון די באָלשעוויקעס: אַלע 6 דעפּוטאַטן לויט דער אַרבעטער־קוריע זיינען אויסגעקליבן געוואָרן באָלשעוויקעס. שפּעטער פירט לענין אָן סיסטעמאַטיש מיט דער טעטיקייט פון די דעפּוטאַטן־באָלשעוויקעס, וואָס פלעגן ניט איינמאָל קומען צו אים קיין קראָקע אָדער פּאָראָנינאָ. לענין פירט מיט זיי אַ קאָרעספּאָנדענץ, אינסטרוקטירט זיי, שרייבט פאַר זיי טעזיסן און פּראָיעקטן פון רעדעס, לויט וועלכע זיי טרעטן דערנאָך אַרויס אויף דער טריבונע פון דער מעלוכע־דומע („צו דער פראַגע וועגן דער פּאָליטיק פונעם מיניסטעריום פאַר פאָלקסבילדונג", „צו דער פראַגע וועגן דער (אַלגעמיינער) אַגראַר־פּאָליטיק פון דער איצטיקער רעגירונג", „צו דער פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק" א. א.). דעם 10—14 יאַנוואַר 1913 י. פירט לענין אָן מיט דער באַראַטונג פון צ. ק. צוזאַמען מיט די פאַראַנטוואָרטלעכע טוער (דער אַזוי

גערופענער „פּעוורא?ל”־באַראַטונג), וואָס איז פֿאָרגעקומען אין קראָקע, און טרעט דאָרט אַרויס מיט פֿאָרטראַגן: „דער רעוואָליוציאָנערער אופשטייג, די שטרייקן און די אופגאַבן פון דער פּאַרטיי” און „וועגן דער באַציונג צו דער ליקווידאַטאָריי און וועגן איינהייט”.

לענינס מיטאַרבעט אין „פּראַוודאַ” און „פּראָסוויעשטשעניע” איז געווען אַ אויסערגעווינטלעך אינטענסיווע. באַזונדערס אין „פּראַוודאַ” פֿלעגט ער קימאַט טעגלעך שיקן אַרטיקלען. אין מעשעך פונעם ערשטן עקזיסטענץ־יאָר פון דער „פּראַוודאַ” פֿלעגט לענינען אייכקומען פירן אַן ענערגישן קאַמף מיט איר רוסישער רעדאַקציע, וואָס פֿלעגט זיך אַף אַ טאָלעראַנטישן אויפן באַציען צו דער ליקווידאַטאָריי און צו אַ. באַגדאַנאָוון, ביז די ליניע פון דער „פּראַוודאַ” איז סאָפּקאָלסאָף אויסגעגלייכט געוואָרן.

כוץ אַרטיקלען אַף רוסישע פּאָליטישע טעמעס (דעמאַסקירונג פון דער פּאָליטיק פון די ליבעראַלן, קריטיק פון פּאָלקיזם, ערד־פראַגע א. א.), פֿלעגט לענין שיקן אין „פּראַוודאַ” אַסאַך אַרטיקלען, וואָס פֿלעגן באַלייכטן די פֿאַרשיידענע זייטן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אַפן מיזרעך. די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע האָט לענין סאָף 1912 י. כאַראַקטעריזירט מיט דער „אויסערגעווינטלעכער פֿאַרשאַרפונג פונעם קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס קעגן דער בורזשואַזיע (יאַקרעס—מאַסן־שטרייקן — דער אימפּעריאַליזם פון די מעלוכעס, זייער ווילדע קאָנקורענץ פאַר מערק, זייער נאָענטקייט צו מילכאָמע) און פון דער נאָענטער פֿאַרווירקלעכונג פונעם סאָציאַליזם”.

אינמיטן מיי 1913 י. איז לענין אריבערגעפאָרן פון קראָקע אין דאָרף פּאָראָנינאָ (גאַליציע), אָבער דאָ איז ער לאַנג ניט פֿאַרבליבן און איז דעם 21 יוני דורך ווין אַרויסגעפאָרן אין שווייץ, וווּ ער איז פֿאַרבליבן ביז אָנהייב אַווגוסט. בעיס זיין אופהאַלטן זיך אין דער שווייץ האָט לענין אין אַ ריי שטעט געהאַלטן פֿאָרטראַגן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע; אויסערדעם, טרעט ער אַרויס דעם 5 אַווגוסט אין בערן אַף דער קאָנפערענץ פון די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס פון דער ר. ס. ד. א. פּ. מיט אַ פֿאָרטראַג וועגן דער לאַגע אין דער פּאַרטיי. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין פּאָראָנינאָ פירט ער אָן דעם 3—14 אָקטיאַבער 1913 י. מיט

דער אזוי גערופענער „זומערדיקער" באראטונג פון צ. ק. צוזאמען מיט די פארטיי־טוער און טרעט ארויס מיט א באריכט פון צ. ק. און מיט א פארטראג וועגן דער נאציאנאלער פראגע. פון פאראנינא קערט זיך לענין אום קיין קראקע דעם 5 נאיאבער 1913 יאר.

האלטנדיק פאר אויסערגעוויינטלעך וויכטיק, אז די 6 באלשעוויקעס אין דומע זאלן פארנעמען א זעלבשטענדיקע פאזיציע, פירט לענין צוערשט א קאמף פאר דער „גלייכבארעכטיקונג" פון דעם באלשעוויסטישן זעקסטלינג, וועלכער שטעלט פאר דעם ווילן פון דער גוואלדיקער מערהייט מארקסיסטישע ארבעטער, מיט די 7 מענשעוויקעס (אויסנוצנדיק די מערהייט פון 1 שטימע, פלעגן די מענשעוויקעס אונטערדריקן די באלשעוויקעס אין דער סאציאלדעמאקראטישער פראקציע, אפזאגנדיק זיי, צ. ב., אין איין ארט פון צוויי אין דער ביודזשעט־קאמיסיע א. א. וו.). און ווען די מענשעוויקעס האבן זיך אפגעזאגט אויסצופילן אט די פאדערונג, האט לענין, בייקומענדיק דעם ווידערשטאנד מיצאד אייניקע פעטערבורגער טוער, וואס האבן מוירע געהאט פאר דער שפאלטונג פון דער פראקציע און האבן זיך טאלעראנטיש באצויגן צו די ליקווידאטארן, דורכגעפירט דעם איינריים צווישן די 6 און די 7 (אין נאיאבער 1913 י.) און געשאפן א זעלבשטענדיקע באלשעוויסטישע פראקציע אין דער דומע. אופקלערנדיק די ארבעטער די ריכטיקייט פון דער פאזיציע, וואס די באלשעוויקעס האבן פארנומען, דעמאסקירנדיק די צוויעס פון די ליקווידאטארישע גוואלד־געשרייען וועגן איינהייט, וועלכע איז איבערעמעסן שוין געשאפן געווארן דורך דער פראגער קאנפערענץ, וואס האט פארייניקט די איבערוועגנדיקע מערהייט ארבעטער, קעמפנדיק קעגן יעטווידער מין שאלעםמאכעריי, אין דעם אויך קעגן דער טאלעראנטישקייט פון א טייל פוילישע סאציאלדעמאקראטן מיט ר. ליוקסעמבורג און ל. טישקא בעראש, — דערלערנט לענין יענע אביעקטיווע אנגאבן, וואס גיבן א מעגלעכקייט צו אורטיילן וועגן דער קראפט און ווירקונג־גראד פון די „פראוודיסטן" און פון די ליקווידאטארן (די וואלן אין דער פערטער דומע, די בייטראגן פון די ארבעטער־גרופן אף צו אונטערשטיצן די צייטונגען פון ביידע ריכטונגען, דער גאנג פון די וואלן אין די פראפאריינען און סטראכקאסעס א. א. וו.), און באווייזט אומבאשטרייטלעך, אז דער „פראוודיזם" שטעלט

טאַקע בעעמעס פאַר דעם ווילן פון דער גוואַלדיקער מערהייט אַרבעטער, בעיס ווען די ליקווידאַטאָריי איז אַ קליינבירגערלעך־אינטעליגענטישע שטרעמונג, וואָס איז שטאַרק בלויז צוליב דער אונטערשטיצונג מיצאַד דער בורזשואַזיע. אָט די אָנגאַבן וועגן דעם ווירקונג־גראַד פון ביידע ריכ־טונגען האָט לענין מיטגעטיילט דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ, וואָס האָט זיך געקליבן צו „פאַרייניקן" די רעוואָליוציאָנערע מאַרק־סיסטן מיט די לינקע ליקווידאַטאָרן. אָנערקענענדיק, אַז „איינהייט" איז דערלאָזבאַר נאָר אָפן יעסאָד פון די באַשלוסן פון דער פאַרטיי, ד. ה. ביטניי אויב די ליקווידאַטאָרן און די אַנדערע גרופן וועלן אָן שום טיינעס אָנערקענען די רעוואָליוציאָנערע פּלאַטפאָרם, קעמפט לענין זייער שאַרף קעגן די פרווון דורכצופירן אונטערן פלאַג פון „איינהייט" די קאַפּיטוליאַ־ציע פון די רעוואָליוציאָנערע מאַרקסיסטן. אין אַרטיקל „וועגן איינהייט־ברוך, וואָס ווערט צוגעדעקט מיט געשרייען וועגן איינהייט" (מיי 1914 י.) פאַלט לענין אָן מיט אַ גוואַלדיקער קראַפט אָף דער פרינציפּלאָזער פּאָזי־ציע פון דעם קלוימערשט „אויסערפראַקציאָנעלן" טראָצקי, וועלכער איז צו יענער צייט אַרויס פון אַוגוסט־בלאָק מיט די ליקווידאַטאָרן, נאָר וועלכער האָט, פונדעסטוועגן, לויטן עצעם איניען" איבערגעכאַזערט „זייערע אידייעלעך".

דער פאַנאַנדערפאַל פראָצעס פונעם אַוגוסט־בלאָק האָט לענין אָפגע־געבן אַסאַך אופמערקזאַמקייט און האָט געפירט אַן ענערגישן קאַמף דער־פאַר, אַז די לעטישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע זאָל אַרויס פון בלאָק. סאָף יאַנוואַר און אָנהייב פעווראַל 1914 י. פאָרט לענין קיין פאַריז און טרעט דאָרט אוף מיט אַ ריי פאָרטראָגן. בעיס אָט דער נעסיע אין פאַריז פלעגט ער אָפשטעלן זיך אין בריוסעל, ווו ער איז בייגעוווען אָפן IV צוזאַמענפאָר פון דער לעטישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און אַרויסגעטראָטן מיט אַ קרי־טיק פון לעטישן צ. ק. און פונעם אַוגוסט־בלאָק, רופנדיק די לעטישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע זי זאָל צושטיין צום צ. ק. פון דער ר. ס. ד. א. פ. נאָך פריער האָט לענין איינגעשטעלט פאַרבינדונגען מיטן לינקן פליגל פון די לעטן און האָט אָנגעשריבן אַ „פראָיעקט פון אַ פּלאַטפאָרם צום IV צוזאַמענפאָר פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע פון לעטישן קאַנט". די לעטן זיינען אַרויסגעטראָטן פון אַוגוסט־בלאָק און האָבן אויסגעקליבן

אַ. צ. ק., ווו די מערהייט זיינען געווען אָנהענגער פון די באָלשעוויקעס.

אין די יאָרן 1913—1914 האָט לענין אויך געפירט אַן ענערגישע קאַמפּאַניע קעגן די לינקע פּאָלקיסטן (עסערן), וואָס האָבן באַקומען אַ געוויסע ווירקונג אַף די אַרבעטער. לענין האָט אונטערגעשטראָכן דאָס, וואָס זיי פאַרטושירן דעם אָפּגרונט צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל און זאָגן זיך אָפּ פון אויסגעהאַלטענעם דעמאָקראַטיזם. די גרעסטע אופמערקזאַמקייט האָט לענין אין דער צווייטער העלפט 1913 י. און אין מעשעך פון גאַנצן 1914 י. אָפּגעגעבן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, קריטיקירנדיק און באַהאַנדלענדיק אַלזייטיק אַ ריי פאַרקריפּלונגען און אויסקרימונגען פונעם שטאַנדפּונקט פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם אין אָט דעם געביט. פאָדערנדיק, אַז די אונטערגעדריקטע נאַציעס זאָל געגעבן ווערן דאָס רעכט פון אָפּטיילן זיך און בילדן אַ זעלבשטענדיקע מעלוכע, טרעט לענין אַנטשיידן אַרויס קעגן דעם ליקווידאַטאָרישן לאָזונג פון „קולטורעל־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע". כוץ אַ מאַסע קליינע אַרטיקלען, האָט לענין דער נאַציאָנאַלער פראַגע געווידמעט צוויי גרויסע אַרבעטן: „קריטישע נאָטיצן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע" (אָקטיאַבער 1913 י.) און „וועגן רעכט פון די נאַציעס אַף זעלבסטבאַשטימונג" (פעוראַל 1914 י.), ווו ער האָט קריטיקירט די טאָעסן און פאַרקריפּלונגען אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע בא ר. ליוקסעמבורג, די ליקווידאַטאָרן, בונדאָווצעס, אוקראַינישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן און אַנדערע און ווו ער האָט ווידער אופגעשטעלט און אַנטוויקלט מאַרקס און ענגעלסעס אַנשויונגען אַף דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַשלוס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ צונויפצורופן צו אַ פאַראייניקונג־באַראַטונג (קיין בריוסעל) פאָרשטייער פון אַלע שטרעמונגען אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַף צו „פאַראייניקן" זיי, שרייבט לענין זומער 1914 י. אין פּאָראָנינאָ, וווהין ער איז אַריבערגעפאָרן דעם 9 מיי, אַן אויספירלעכן באַריכט דעם צ. ק. אין אָט דעם באַריכט שטעלט לענין אַרויס 14 פונקטן אַלס אולטימאַטיווע באַדינגונגען פאַר אַ פאַראייניקונג מיט די ליקווידאַטאָרן (דער טאָך פון אָט די פונקטן איז באַשטאַנען אין דעם,

אַז די ליקווידאַטאָרן און אַנדערע גרופּן זאָלן אָן שום טיינעס זיך אָפּ־
זאָגן פון זייערע אנשויונגען, זאָלן אָנעמען די רעוואָליוציאָנערע פּלאַט־
פאָרם פון דער פּאַרטיי, זאָלן זיך אונטערוואַרפן דעם צ. ק. און אַלע
באַשלוסן פון די אַלגעמיין־פּאַרטעיִשע אַנשטאַלטן, זאָלן אָפּשאַפן דעם
אָ. ק. פון די ליקווידאַטאָרן א. א. אין דעמזעלבן גייסט האָט לענין
אויך געגעבן אינסטרוקציעס וועגן דער טאַקטיק אַף דער בריוסעלער
באַראַטונג דער דעלעגאַציע פון צ. ק. אַף דער באַראַטונג, צו וועלכער
לענין אַליין איז ניט געפאָרן. לויט לענינס דירעקטיוון, האָט זיך אַף
דער באַראַטונג די דעלעגאַציע פון די באָלשעוויקעס (און לעטן) אָפּגע־
זאָגט צו באַטייליקן זיך אין דער אָפּשטימונג וועגן דער רעזאָליוציע,
וואָס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַ־
ליסטישער ביוראָ און וואָס איז אין טאָך געווען געווענדעט קעגן
די באָלשעוויקעס. די באַראַטונג האָט זיך פאַרענדיקט אָן רעזולטאַטן.
נאָך דער באַראַטונג האָבן די ליקווידאַטאָרן פון „ווּפּעריאָד“, טראָצקיס
„באָרבאַ“ און אַנדערע גרופּן געשלאָסן אַ נייעם „בריוסעלער“ בלאָק
קעגן די באָלשעוויקעס. די פראַגע וועגן פאַרייניקונג האָט געזאָלט גע־
שטעלט ווערן אַפן קאָנגרעס אין ווין, וועלכן מ'האָט געהאַט בעדייע
איינגיכן צונויפרופן, אָבער צוליבן קריג איז דערפון גאָרניט אַרויסגע־
קומען.

***

די אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, אין אווגוסט 1914 י. איז
לענין, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין גאַליציע, אין דאָרף פּאָראָנינאָ,
אַרעסטירט געוואָרן דורך דער אָרטיקער עסטרייכישער מאַכט אַלס
רוסישער אונטערטאַן אונטערן פאַרדאַכט פון שפּיאָנאַזש און איז
אַריינגעזעצט געוואָרן אין טפיסע. אַדאַנק דער אַריינמישונג פון עטלעכע
איינפלוסרייכע עסטרייכישע סאָציאַלדעמאָקראַטן, וואָס האָבן געקענט

לעגינען אלס א רעוואָליוציאָנער און אָנפשאָרעסדיקן פיינט פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג, האָט מען די אומזיניקע באשולדיקונג איינגיכן פון לעגינען אראָפּגענומען, און נאָך צוויי וואָכן ארעסט האָט מען אים דעם 19 אווגוסט באפרייט פון טפיסע. נאָך דעם, ווי לעגין האָט באקו־מען א דערלויבעניש אַף ארויספאָרן פון עסטרייך, איז ער אריבער־געפאָרן אין דער נייטראַלער שווייץ און האָט זיך באזעצט אין בערן (דעם 5 סענטיאבער), ווו ער האָט אָפּגעלעבט בא אנדערהאלבן יאָר. אין פעוראַל 1916 י. איז לעגין פון בערן אריבערגעפאָרן קיין ציוריך, ווו ער איז געווען ביז זיין צוריקער קיין רוסלאַנד נאָך דער פעוראַל־רע־וואָליוציע 1917 יאָר.

פון סאַמע אָנהייב אימפּעריאַליסטישן קריג האָט לעגין ,בענעגייע צו, אים פארנומען אַן אָנפשאָרעסדיק־פיינטלעכע פּאָזיציע פון אויסגע־האַלטענעם רעוואָליוציאָנערן מאַרקסיזם. קומענדיק פון גאַליציע אין דער שווייץ, שרייבט לעגין טייקעף טעזיסן וועגן קריג. אָט די טעזיסן ווערן אומלעגאַל אריבערגעשיקט קיין רוסלאַנד, ווו זיי ווערן באַגיטיקט פון דער באָלשעוויסטישער פינפער־גרופּע אין דער דומע, און דערנאָך ווערן זיי פון לעגינען איבערגעאַרבעט אין אַ מאַניפעסט פון צ. ק. „די מיל־כאָמע און די רוסלענדישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע”, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דעם 1 נאָיאַבער 1914 יאָר. אין די טעזיסן און אינעם מאַניפעסט כאַראַקטעריזירט לעגין די מילכאָמע, וואָס האָט זיך נאָרוואָס אָנגע־הייבן אַלס אַן אימפּעריאַליסטישע. ער קאָנסטאַטירט דעם באַנקראָט פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס אַן אומגעהויערע מערהייט פון זיינע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייען האָבן פאַראַטן די געבאָטן פונעם רעוואָליוציאָנערן מאַרקסיזם און זיינען אריבער אַף דער זייט פון זייער „אייגענער” בורזשואַזיע. ער פאָדערט, מע זאָל איינגאַנצן און אָן שום טיינעם איינרייסן מיט די אָפּאָרטוניסטן און סאָציאַל־שאָוויניסטן און שאַפן אַ נייעם רעוואָליוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַל. ער רוקט ארויס דעם לאָזונג פון פאַרוואַנדלען דעם אימפּעריאַליסטישן קריג אין א בירגערקריג און דעם לאָזונג וועגן „מאַפּאָלע” פון דער צאַרישער מאָ־נארכיע. צום אָנפאַנג מילכאָמע זיינען לעגין און די באָלשעוויקעס געווען די איינציקע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן טייקעף און אָן שום וואַקלעניש

פאַרנומען די פּאָזיציע פונעם קאָנסעקווענטן רעוואָליוציאָנערן מאַרקסיזם.

ווי נאָר ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט די צאַרישע רעגירונג טייקעף פאַרכאַפּט דעם לעגאַלן אָרגאַן פון די באָלשעוויקעס, די „פּראַוודאַ“. קיין אויסלענדישן אָרגאַן האָבן שוין צו יענער צייט די באָלשעוויקעס ניט פאַרמאָגט. דעריבער האָט לענין די ערשטע כאַדאָשים פון דער מילכאָמע ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויסצודריקן און דורכצופירן זיין שטאַנדפּונקט אין דער פּרעסע. און דאָ האָט מען געדאַרפט וואָס גיכער אָקעגנשטעלן קעגן דעם סאָציאַל־שאָוויניסטישן טשאַד די פּלאַטפאָרם פונעם באָלשעוויזם און אויפהייבן די שטים צו שוץ פון רעוואָליוציאָנערן סאָציאַליזם. ניט האָבנדיק קיין אייגענע צייטונג, קלערט לענין אויף דעם שטאַנדפּונקט פון באָלשעוויזם אין רעפעראַטן, אַרויסטרעטנדיק אַף עמיגראַנטישע פאַרזאַמלונגען פון סאָציאַלדעמאָקראַטן אין פאַרשיידענע שטעט פון דער שווייץ. דער ערשטער עפנטלעכער אַרויסטריט לענינס אין דעם פּעריאָד איז געווען זיין רעדע דעם 11 אָקטיאַבער 1914 י. אין לאָזאַן אָפן פּאָרטראַג פון ג. פּלעכאַנאָוו, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרביסענעם סאָציאַל־שאָוויניסט.

מיט גרויסע אָנשטרענגונגען, בייקומענדיק אַ ריי שוועריקייטן, האָט זיך לענין איינגעגעבן ווידער אַרויסצוגעבן דעם צענטראַל־אָרגאַן פון אונדזער פּאַרטיי — דעם „סאָציאַל־דעמאָקראַט“. אַ קליין בלעטל, וואָס פלעגט דערשיינען מיט גרויסע האַפּסאָקעס און וואָס מע פלעגט מיט קאָלאָסאַלע שוועריקייטן אַריבערשיקן קיין רוסלאַנד,—דאָס איז קימאַט אַלץ, וואָס לענין האָט געקאָנט טאָן קעדיי סיסטעמאַטיש צו פּראָפּאַגאַנדירן זיינע אַנשוווּנגען בעיִם דער מילכאָמע. אויסער „סאָציאַל־דעמאָקראַט“, זיינען לענינס אַרטיקלען דערשינען אין זשורנאַל „קאָמוניסט“ (אַרויס איין נומער), אין די „זאַמלביכער פון סאָציאַל־דעמאָקראַט“ (דערשינען צוויי נומערן) און אין „פּרעדוועסטניק“ (דעם אָרגאַן פון דער צימערוואַלדער לינקער). ווי באַוווּסט האָט זיך פון אַלע לענינס אַרטיקלען איינגעגעבן אָפּצודרוקן לעגאַל אין רוסלאַנד בלויז איין קליינעם אַרטיקל, אינעם זשורנאַל „וואָפּראָסי סטראַכאָוואַניאַ“. אייניקע אַרטיקלען זיינע, וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַר לעגאַלע אויסגאַבן, זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן ערשט אין 1917 יאָר. אַזאַ מערקווירדיקער

בוך לענינס ווי „דער אימפּעריאַליזם”, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1916 י., איז דערשינען ערשט נאָך דער פעווראַל־רעוואָליוציע.

האַלטנדיק פאַר אומגעהויער וויכטיק, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן אַרויסטרעטן מיט זייער רעוואָליוציאָנערער פּלאַטפאָרם אַף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, און דיסקאָנטירנדיק די גאַנצע וויכטיקייט פון אַ זעלבשטענדיקן אַרויסטריט מיצאַד די באָלשעוויקעס און פון זייער אָפּגרענעצן זיך פון אַלערליי שאָוויניסטן און צענטריסטן, נוצט לענין אויס אַלע מעגלעכקייטן פאַר די באָלשעוויקעס אַף צו דערקלערן זייערע אָנשוויונגען פאַר די אויסלענדישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען: ער שיקט טעזיסן אַף דער איטאַליעניש־שווייצערישער קאָנפערענץ אין לוגאַנאָ (דעם 27 סענטיאַבער 1914 י.); ער אינסטרוקטירט ג. שליאַפּניקאָוון פאַר זיין אַרויסטרעטונג אַפן צוזאַמענפאָר פון דער שוועדישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע (דעם 23 נאָיאַבער 1914 י.); ער אינסטרוקטירט מ. ליטווינאָוון פאַר זיין דעמאָנסטראַטיווער אַרויסטרעטונג אַף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ פון די סאָציאַליסטן פון די אַנטאַנט־לענדער (דעם 14 פעווראַל 1915 י.) און שיקט אים אַ פּראָיעקט פון אַ דעקלאַראַציע; ער פירט אָן מיט די אַרויסטרעטונגען פון דער דעלעגאַציע באָלשעוויקעס אַף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פרויען־קאָנפערענץ (דעם 26—28 מאַרט 1915 י.) און אַף דער אינטערנאַציאָנאַלער יוגנט־קאָנפערענץ אין בערן (דעם 5—6 אַפּרעל 1915 י.). בײַ אַלע אָט די אַרויסטרעטונגען שטעלן די באָלשעוויקעס אַרויס אַ רעוואָליוציאָנערע פּראָגראַם קעגן די שאָוויניסטן און צענטריסטן.

פרילינג 1915 י. נעמט לענין דעם נאָענטסטן אַנטייל אין דער בערנער קאָנפערענץ פון די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס פון אונדזער פאַרטיי (דעם 27 פעווראַל—4 מאַרט). די רעזאָליוציעס פון דער קאָנפערענץ, וואָס לענין האָט אָנגעשריבן, איבער די פראַגן, וואָס זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן דורכן קריג (לענין איז געווען דער הויפּט־פאָרטרעגער אַף דער קאָנפערענץ), זיינען איינער פון די וויכטיקסטע דאָקומענטן פון באָלשעוויזם פאַרן ערשטן מילכאָמע־פעריאָד. צו דער צייט פון אָט דער קאָנפערענץ געהערט אויך דער אָנהייב פונעם שטרייט אין דער פאַרטיי איבער דער טאַקטיק פון דער פאַרטיי און אירע לאָזונגען. אַ טייל כאַ־

וויירים מיט נ. בוכארינען בעראָש האָבן זיך געוואַקלט אין אַט דער פראַגע. לענין האָט אָף דער קאָנפערענץ געפירט אַן ענערגישן קאַמף קעגן די אָפּנויגלער, וועלכע האָבן זיך באַצויגן נעגאַטיוו צום לאָזונג „מאַפּאָלע" און האָבן פאַרטיידיקט דעם „פּאַפּישן" לאָזונג פון „שאָלעם", וואָס דאָס האָט דערנענטערט די אָפּאָזיציע צו די טראָצקיסטן („נאַשע סלאָוואָ"). שפּעטער זיינען אופגעקומען שטרייטן מיט דער גרופּע נ. בור־בוכארין—ג. פּיאַטאַקאָוו איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע: אַט די גרופּע האָט אָפּגעלייקנט דעם לאָזונג וועגן רעכט פון די נאַציעס אָף זעלבסט־באַשטימונג. לעבאַטכילע האָט זיך איינגעגעבן צונויפריידן זיך מיט אַט דער גרופּע וועגן ארויסגעבן געמיינזאַם דעם זשורנאַל „קאָמוניסט", אָבער שפּעטער האָבן זיך די מיינונג־פאַרשיידנהייטן אַזוי פאַרשאַרפט, אַז די אויסגאַבע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אין אַ ריי אַרטיקלען, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט געוועזן אין „סאָציאַל־דעמאָקראַט" און „קאָמוניסט" (באַזונדערס דאַרף מען פאַרצייכענען דעם גרויסן אַרטיקל „דער קראַך פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל") האָט לענין אַנראַכמאָנעסדיק קריטיקירט אַלע מינים און פאָרמען פון סאָציאַל־שאָוויניזם, אָפענעם און פאַרמאַס־קירטן (צענטריזם), וואָס עס פלעגן פריידיקן די ליקווידאַטאָרן אין רוסלאַנד (פּאָטרעסאָוו), דער אויסלענדישער ליקווידאַטאָרישער אָ. ק. (מאַרטאָוו), די בונדאָווצעס, די טשכעידזע־פראַקציע, טראָצקים „נאַשע סלאָוואָ" א. א. וו. קיין איין כאָטש וויפל ניט איז אַנזעעוודיקע שטרע־מונג אין דער רוסישער אָדער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָט פאַרטיידיקט דעם סאָציאַל־שאָוויניזם, אָדער וואָס האָט אונטערן פלאַג פון פלאַטאָנישן אינטערנאַציאָנאַליזם איינגעשטעלט זיך פאַר דער נויטווענדיקייט פון איינהייט מיט די שאָוויניסטן, איז ניט פאַרבליבן אָן אַ שאַרפער דעמאַסקירונג מיצאַד לענינען. באַזונדערס אַנראַכמאָנעסדיק איז לענין געוועזן בענעגייע צו קאַוטסקין, דעם אַנגע־זעענסטן לידער פון II אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט אין דער פיינסטער און דעריבער באַזונדערס געפערלעכער פאָרם צוגעפּאַרבט און פאַרענט־פערט דעם שאָוויניזם. פון די סאָציאַליסטן, וואָס האָבן בעעמעס גע־וואָלט זיין אינטערנאַציאָנאַליסטן, האָט לענין געפאָדערט, זיי זאָלן אינ־גאַנצן און אָן שום דריידלעך איינרייסן מיט דער איצטיקער אימפּעריאַ־

ליסטישער מילכאָמע און זיי זאָלן אָנעמען די רעוואָליוציאָנערע קאַמף־
פּראָגראַם.
צערייסנדיק מיטן באַנקראָטירטן II אינטערנאַציאָנאַל און פּראָקלאַ־
מירנדיק די נויטיקייט צו שאַפן אַ נייעם, רעוואָליוציאָנערן אינטערנאַ־
ציאָנאַל, אַרבעט לענין מיט אַלע קרעפטן אַף צו אָרגאַניזירן און פּאַריי־
ניקן די אינטערנאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער
אַרבעטער־באַוועגונג; ער שפּירט אופמערקזאַם נאָך נאָכן אַלץ שאַרפערן
קאַמף פון [illegible] ריכטונגען אינעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם; ער קניפּט
אָן פאַרבינדונגען מיט די „לינקע” אין די פאַרשיידענע לענדער, פירט
מיט זיי אַ קאָרעספּאָנדענץ, אַרבעט אוים די טאַקטישע פּלאַטפאָרם און
די לאָזונגען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לינקער. פאַר דער צימערוואַל־
דער קאָנפערענץ דעם 5—8 סענטיאַבער 1915 י. לאָזט ער ארוים צוזאַמען
מיט ג. זינאָוויעוון די בראָשור „סאָציאַליזם און קריג”, וואָס איז איבער־
געזעצט געוואָרן אַף אויסלענדישע שפּראַכן און אין וועלכער עס ווערט
קלאָר געמאַכט די באַציונג פון אונדזער פּאַרטיי צום קריג. אַף דער קאָנ־
פערענץ שטייט לענין אין דער שפּיץ פון לינקן פליגל צימערוואַלדיסטן,
וואָס טרעט אַרוים מיט זיין אייגענער פּלאַטפאָרם, און פירט אָן מיט
זיינע אַרבעטן. דער דייטשישער סאָציאַלדעמאָקראַט לעדעבור, אַ צענ־
טריסט, דערלויבט זיך אַף דער קאָנפערענץ צו באַשולדיקן לענינען, אַז
ער וואַרפט „פון אויסלאַנד” אין די מאַסן רעוואָליוציאָנערע לאָזונגען.
לענין ענטפערט רויק, אַז ער פירט די רעוואָליוציאָנערע אַרבעט אין מע־
שעך שוין מער פון 20 יאָר, געבנדיק די מאַסן רעוואָליוציאָנערע לאָזונגען
פון טפיסע, פון סיבירער פאַרשיקונג, פון אויסלאַנד, אַז ער פאָלגט דעם
ביישפּיל פון מאַרקס און ענגעלס אין דער עפּאָכע פון דער רעוואָליוציע
פון 1848 י. און אַז ער וועט אויספילן זיין כוויו ביזן סאָף. לענין זאָגט
זיך ניט אָפּ פון אַ געמיינזאַמער אַרויסטרעטונג מיט דער צימערוואַלדער
מערהייט, וואָס האָט פּראָטעסטירט קעגן סאָציאַל־שאָוויניזם, און שרייבט
דעריבער אונטער דעם מאַניפעסט פון דער קאָנפערענץ. צוגלייך דערמיט
אָבער קריטיקירט לענין די האַלבקייט און אומאַנטשלאָסנקייט פון אָט
דער וואַקלדיקער „קימאַט קאַוטסקיאַנישער” מערהייט, אַקענענשטעלנדיק
איר די פּאָזיציע פון אויסגעהאַלטן־רעוואָליוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַליזם

(„דער ערשטער שריט", „די רעוואָליוציאָנערע מאַרקסיסטן אַף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ דעם 5—8 סענטיאַבער 1915 יאָר"). דעם 24—30 אַפּרעל 1916 י. באַטייליקט זיך לענין אין דער קינטאַלער — 2-טער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער — קאָנפערענץ, פאַר וועלכער ער האָט אין נאָמען פון צ. ק. צוגעשטעלט אַ פּראָיעקט פון פאָרשלאָגן; אין אָט דעם פּראָיעקט איז געגעבן געוואָרן אַ קריטיק פון דער „שאָלעם-פּראָגראַם", וואָס דער II אינטערנאַציאָנאַל האָט אַרויסגערוקט, עס ווערן דאָרט פאַרטיידיקט די רעוואָליוציאָנערע לאָזונגען פון די באָלשעוויקעס און ס'ווערט געפאָדערט, אַז צימערוואַלד זאָל פאַרנעמען אַן אַנטשיידענע פּאָזיציע אין דער פראַגע וועגן איינרייסן מיטן II אינטערנאַציאָנאַל. אונטערן דרוק פון די לינקע האָט די קינטאַלער קאָנפערענץ געמאַכט אַ שריט פאָרויס אין פאַרגלייך מיט די באַשלוסן, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין צימערוואַלד, שאַרף פאַרורטיילט די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ פון II אינטערנאַציאָנאַל און האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן סאָציאַל-פּאַציפיזם.

ווען די מערהייט צימערוואַלדיסטן, מיט ר. גרים בעראָש, האָט סאָף 1916—אָנהייב 1917 י. אַ קער געטאָן זיך אַף רעכטס, אין דער ריכטונג פון סאָציאַל-שאָוויניזם, האָט לענין אָן שום וואַקלענישן פּראָקלאַמירט דעם אידעישן באַנקראָט פון דער צימערוואַלדער מערהייט און איר פאַראַט דעם אינטערנאַציאָנאַליזם און געפאָדערט — שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַל פון ווירקלעך רעוואָליוציאָנערע עלעמענטן („בורזשואַזער פּאַציפיזם און סאָציאַליסטישער פּאַציפיזם", „אַן אָפענער בריוו שאַרל נען").

אָרגאַניזירנדיק די צימערוואַלדער לינקע, באַהעפטנדיק זי אַף אַ באַשטימטער אידעישער באַזע און אָפּגרענעצנדיק זיך פון דער צימערוואַלדער מערהייט, פירט לענין צוגלייך דערמיט אַ קאַמף אינעם לינקן פליגל פון די אינטערנאַציאָנאַליסטן קעגן אַלערליי אָפּנייגן פון רעוואָליוציאָנערן מאַרקסיזם. צום דאָזיקן קאַמף געהערן: די פּאָלעמיק מיט די פּויליש-דייטשישע (ר. ליוקסעמבורג, ק. ראַדעק) און האָלענדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וואָס האָבן זיך באַצויגן נעגאַטיוו צום לאָזונג פונעם רעכט פון די נאַציעס אַף זעלבסבאַשטימונג און וואָס האָבן בייכלאַל ניט דערשאַצט די באַדייטונג פונעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע אין דער עפּאָכע

פון אימפּעריאַליזם („די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע און דאָס רעכט פון נאַציעס אויף זעלבסטבאַשטימונג"; „סאַכאַקלען פון דער דיסקוסיע וועגן זעלבסטבאַשטימונג"), די פּאָלעמיק מיט די שווייצערישע, סקאַנדינאַווישע און האָלענדישע סאָציאַלדעמאָקראַטן איבער דער פראַגע וועגן אַנטוואָפענונג־לאָזונג („וועגן דעם אַנטוואָפענונג־לאָזונג"); אַ ספּעציעלער אַרטיקל וועגן די טעזיסן פון ר. ליוקסעמבורג („וועגן דער בראָשור פון יוניוס"); די קריטיק פון ג. פּיאַטאַקאָווס טעותדיקע אָנשווינגען אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע („וועגן אַ קאַריקאַטור אויף מאַרקסיזם און וועגן „אימפּעריאַליסטישן עקאָנאָמיזם") און דאָסזעלבע בענעגייע נ. בוכאַרין („וועגן אַן אויפגייענדיקער ריכטונג פונעם אימפּעריאַליסטישן עקאָנאָ־יוניוס"); די קריטיק פון ג. פּיאַטאַקאָווס טעותדיקע אָנשווינגען אין פראַגע וועגן מעלוכע. עס איז נויטיק צו פאַרצייכענען, אַז אין זיינע אַרבעטן אין דער עפּאָכע פון אימפּעריאַליסטישן קריג האָט לענין פאָרויסגעזען, אַז דער קריג פירט אומפאַרמיידלעך צום קראַך פון קאַפּיטאַליזם און צו אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע אין רוסלאַנד און שפּעטער אויך צו אַ סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע אין רוסלאַנד — ווי אויך צו אַ סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע אין די מיירעוו־אייראָפּעישע לענדער. לענין האָט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אויפגעשטעלט און פאַרענטפערט אַ קאָלאָסאַלן קאָמפּלעקס טעאָרעטישע און פּאָליטישע פּראָבלעמען (די באַדייטונג פונעם קאַמף און פון די אויפשטאַנדן אין די קאָלאָניאַלע פעלקער; די פראַגע וועגן דעם זיג פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד; די נאַציאָנאַלע פראַגע; די פראַגע וועגן דער פּראָלעטאַרישער מעלוכע, די וויכטיקסטע מאָמענטן און באַזונדערקייטן פון דער סאָציאַלער רעוואָליוציע; וועגן דער ווירקלעכקייט פון דעמאָקראַטיע באַם אימפּעריאַליזם; אַנעקסיעס; אַנאַליז פונעם אימפּעריאַליזם א. א. וו.).

אין מעשעך פון דער ערשטער העלפט 1916 י. האָט לענין אין ציוריך אָנגעשריבן אַ גרויסע אַרבעט אונטערן נאָמען „דער אימפּעריאַליזם, אַלס דער נייסטער עטאַפּ פונעם קאַפּיטאַליזם". אין אָט דעם בוך, וואָס גיט אַ גלענצנדיקן אַנאַליז פונעם אימפּעריאַליזם, אַלס מאָנאָפּאָליסטישן אָדער „אָפּשטאַרבנדיקן", „פוילנדיקן" קאַפּיטאַליזם, וועלכער איז ערעוו סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, האָט לענין געשטעלט זיך אַלס אויפגאַבע

צו באווייזן, לויט סאכאקלען פון אומבאשטרייטלעכע אנגאבן פון דער
בורזשואזער סטאטיסטיק און לויט דעם, וואס עס זיינען מוידע בור־
זשואזע געלערנטע אין אלע לענדער, ווי עס זעט אויס דאס סאכאקל־
בילד פון דער קאפיטאליסטישער וועלט־ווירטשאפט, אין אירע קעגנזיי־
טיקע אינטערנאציאנאלע באציונגען, אין אנהויב פונעם XX יארהונ־
דערט, ערעוו דער ערשטער אימפעריאליסטישער וועלט־מילכאמע".

אין די מילכאמע יארן פארוואנדלט זיך לענין פון א פירער פונעם
רוסישן באלשעוויזם צוערשט אין א פירער פון די רעוואליוציאנערע אינ־
טערנאציאנאליסטן, און נאכדעם, באזונדערס נאך אקטיאבער 1917 י.,
אין א אלוועלטלעכן רעוואליוציאנערן פירער.

פאנאנדערארבעטנדיק אלע גרונט־פראגן פון דער מארקסיסטישער
טעאריע און פאליטיק אין דער עפאכע פון דער מילכאמע, פירט לענין
אן צוגלייך דערמיט, אף וויפל דאס דערלויבן די שוואכע און ניט פעסטע
פארבינדונגען מיט רוסלאנד און דער ווייטער מעהאלעך, מיט דער טע־
טיקייט פון די באלשעוויקעס אין רוסלאנד. באזונדערס וויכטיק זיינען
לענינס „עטלעכע טעזיסן" (אינעם נומער 47 פון „סאציאל־דעמא־
קראט" פון 13 אקטיאבער 1915 י.), וואס אנטהאלטן פראקטישע די־
רעקטיוון: קעגן באטייליקן זיך אין די קריג־אינדוסטריעלע קאמיטעטן,
פאר אנטוויקלען די שטרייק־באוועגונג אונטערן לאזונג פון די „דריי
וואלפיש" (דעמאקראטישע רעפובליק, קאנפיסקירונג פון דער פריצישער
ערד, 8־שאעדיקער ארבעט־טאג); דעם לאזונג פון ראטן פון ארבעטער־
דעפוטאטן, „אלס אופשטאנד־ארגאנען, אלס ארגאנען פון דער רעוואליו־
ציאנערער מאכט" א. א.

ארבעטנדיק איבער די פראגן פון דער רוסישער און אינטערנאציא־
נאלער רעוואליוציאנערער באוועגונג, האט לענין צוגלייך דערמיט זיך
זייער שטארק אינטערעסירט מיט דער ארטיקער — שווייצערישער —
ארבעטער־באוועגונג און האט געשטרעבט זי צו באווירקן דורך די שוויי־
צערישע לינקע. אין לענינס ארכיוו איז געפונען געווארן א ריי זיינע
מאנוסקריפטן וועגן די אופגאבן און דער טאקטיק פון דער שווייצערישער
סאציאלדעמאקראטיע. צו דערזעלבער צייט פלעגט לענין אויסנוצן יעדע
געלעגנהייט אף צו באקאנען די שווייצערישע ארבעטער מיט דער רעוואַ־

ליוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט און מיט זיינע רעוואָליוציאָנערע פּערספּעקטיוון („פאָרטראָג וועגן דער רעוואָליוציע פון 1905 י.", געהאַלטן אין יאַנוואַר 1917 יאָר).

פון לענינס אַרבעטן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין גאָר נאָענטע שייכעס צו די פראַגן, וואָס די מילכאָמע האָט אַרויסגערוקט, דאַרף מען דערמאָנען די בראָשור „נייע אָנגאַבן וועגן די אַנטוויקלונג־געזעצן פונעם קאַפּיטאַליזם אין דער לאַנדווירטשאַפט", וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן אין 1915 י. און דערשינען נאָך דער רעוואָליוציע. אָנהייב מילכאָמע האָט לענין אָנגעשריבן אַן אַרטיקל „קאַרל מאַרקס", וואָס איז שפּעטער אין ניט קיין פולער פאָרם אָפּגעדרוקט געוואָרן אין גראַנאַטס ווערטערבוך. נאָך מיט אַ צייט פאַרן קריג האָט לענין אַסאַך שטודירט פילאָזאָפיע, געמאַכט גרויסע נאָטיצן פון אַריסטאָטעלן, פייערבאַך און באַזונדערס פון העגעלן, האָבנדיק בעדייע אָנצושרייבן אַ בוך וועגן העגעלס פילאָזאָפיע און וועגן דיאַלעקטישן מעטאָד. אָט די אַרבעט האָט לענין פאַרגעזעצט אויך בעיס דער מילכאָמע, אָבער די אויפגאַבן, וואָס דער קריג האָט אַרויסגערוקט, האָבן ניט דערלויבט לענינען אויסצופירן זיין קאַוואָנע, און ער איז געצוווּנגען געווען אָפּצוזאָגן זיך פון זיין פּלאַן.

* * *

ווי נאָר אין דער שווייץ האָבן זיך באַקומען די ערשטע יעדיעס וועגן דער פעווראַל־רעוואָליוציע, האָט לענין זיך טייקעף געשטעלט אַלס ציל אָום וואָס עס זאָל ניט זיין קומען קיין רוסלאַנד. אויספירן אָט דעם באַשלוס איז אָבער געווען אומגעהויער שווער. די ענגליש־פראַנצויזישע אימפּעריאַליסטן וואָלטן בעשומויפן ניט דורכגעלאָזן די רוסישע רעוואָליוציאָנערע אינטערנאַציאָנאַליסטן. די צייטווייליקע רעגירונג, ווידער, איז אויכעט ניט געווען פאַרינטערעסירט אינעם אָנקומען פון די „מאַפּאָלעאָנהענגער" („דעפעטיסטן"), ווי מע האָט דעמאָלט אָנגערופן די באָלשעוויקעס. דער מענשעוויסטיש־עסערישער פּעטראָגראַדער ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן האָט פאַרנומען אין דער פראַגע אַן אויסווייכנדיקע פּאָזיציע. האָבנדיק זיך איבערצייגט, אַז אַלע „לעגאַלע" וועגן אַף אומצוקערן זיך אין רעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד זיינען פאַר אים פאַרמאַכט און אַז די פאַרשיידענע פּלענער פון אַ געהיימען אַריבערפאָר זיינען ניט

דורכפירלעך, האָט לענין באַשלאָסן אָפּן אַדורכצופאָרן דורך דייטשלאַנד, וואָס מיט איר האָט זיך רוסלאַנד דעמאָלט, ווי באַוווסט, געפונען אין אַ צושטאַנד פון מילכאָמע. די פאַרמיטלונג אין אָט דער זאַך האָבן גענומען אױף זיך די שווייצערישע סאָציאַלדעמאָקראַטן בעראָש מיט פ. פּלאַטען.

די דייטשישע רעגירונג האָט מאַסקים געווען אַדורכצולאָזן די עמיגראַנטן, און לענין איז מיט אַ גרופּע כאַווײרים אַדורכגעפאָרן דורך דייטשלאַנד אין שוועדן, און פון דאָרט דורך פינלאַנד קיין פּעטראָגראַד, ווו ער איז אָנגעקומען דעם 16 (3) אַפּרעל 1917 י. און איז אױפן וואָקזאַל פייערלעך באַגעגנט געוואָרן פון די פּעטראָגראַדער באָלשעוויקעס און אַרבעטער. די בורזשואַזיע און די שוואַרצמײעניקעס האָבן אָנגעהויבן אַ ווילדע רעכילעסדיקע העצע קעגן לענינען, פאַרשפרייטנדיק קלאַנגען וועגן זיין פאַרבינדונג מיט דער דייטשישער רעגירונג.

געפינענדיק זיך נאָך אין דער שווייץ און האָבנדיק אין זיין רעשוס בלויז קאַרגע מאַטעריאַלן וועגן גאַנג פון דער פעוורואַל-רעוואָליוציע, גיט לענין אין זיינע גלענצנדיקע „בריוו פונדערווייטן” אַן אַנאַליז פון דער געשעענער איבערקערעניש און פון אירע סיבעס און פאָרמולירט די אױפגאַבן פונעם אַרבעטער-קלאַס, אָנווייזנדיק אים אױף דער נויטיקייט צו קעמפן פאַרן איבערגאַנג פון דער מאַכט אין די הענט פון די ראַטן, פאַר דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און אָרעמסטן פויערטום, פאַרן סאָציאַליזם.

קומענדיק אין פּעטראָגראַד, טרעט לענין גלייך אַרויס מיט זיינע באַרימטע „אַפּרעל-טעזיסן”, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן דער יעסאָד פון דער גאַנצער ווייטערדיקער טאַקטיק פון דער פּאַרטיי. דער איינדרוק, וואָס די טעזיסן האָבן געמאַכט, איז געווען אַ קאָלאָסאַלער.

אַלס רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג פון אָט די טעזיסן איז דערשינען די בראָשור „די אױפגאַבן פון פּראָלעטאַריאַט אין אונדזער רעוואָליוציע”. — אַ פּראָיעקט פון דער פּלאַטפאָרם פון דער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי.

אונטער לענינס אָנפירונג האָט די פּאַרטיי, וואָס אין איר האָבן ביז לענינס קומען זיך אַנטפּלעקט געוויסע וואַקלונגען אינעם אויסקלייבן דעם וועג פאַרן ווייטערדיקן קאַמף, אַנטשלאָסן אויסגעגליכן איר ליניע און

געשטעלט זיך אַפן וועג פון קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. די פעטראָגראַדער, און שפּעטער די אַפּרעלער אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ, וואָס האָט געהאַט דיזעלבע באַדייטונג ווי אַ צוזאַמענפאָר, זיינען פולשטענדיק אַדורך אונטערן צייכן פונעם טריומף פון די לענינשע אידייען. אַף דער פעטראָגראַדער קאָנפערענץ איז לענין דעם 5 מיי (27 אַפּרעל) אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאָרטראָג איבערן לויפנדיקן מאָמענט און איבער דער באַציונג צו דער צייטווייליקער רעגירונג; אַף דער אַפּרעלער אַלרוסלענדישער קאָנפערענץ איז ער דעם 7—12 מיי (24—29 אַפּרעל) אַרויסגעטראָטן מיט פאָרטראָגן וועגן לויפנדיקן מאָמענט, איבער דער אַגראַר־פראַגע, איבער דער פראַגע וועגן דורכקוקן די פאַרטיי־פּראָגראַם און מיט אַ ריי רעדעס. אינעם פעריאָד פון אָט די קאָנפערענצן פירט לענין אַ קאַמף קעגן דער רעכטער אָפּאָזיציע (קאַמענעוו, ריקאָוו), וואָס האָט זיך געפּרווט צו באַגרענעצן די ראַמען פון דער באַוועגונג מיט דער בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָליוציע. ביז די יולי־טעג האָט לענין קעסיידער געשריבן אין דער „פּראַוודאַ“, ווו ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע (זיינע קליינע אַרטיקלען אין דער „פּראַוודאַ“ פאַר דעם פעריאָד זיינען אַ מוסטער פון באַלייכטן פאַר די מאַסן די אופגאַבן פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף), און פלעגט ניט איינמאָל אַרויסטרעטן אַף מיטינגען און פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער און סאָלדאַטן. צום פעריאָד פאַר די יולי־טעג געהערן אויך זיינע גרויסע רעדעס איבער דער פראַגע וועגן ערד, וועגן קריג און וועגן דער באַציונג צו דער צייטווייליקער רעגירונג, וואָס ער האָט געהאַלטן אַפן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון פויערשע דעפּוטאַטן דעם 4 יוני (22 מיי) און אַפן I ראַטן־צוזאַמענפאָר דער 17 און 22 (4 און 9) יוני, וואָס זיינען דעמאָלט אין זייער מערהייט נאָכגעגאַנגען די מענשעוויקעס און עסערן. אַלע פּאָליטישע קאַמפּאַניעס פון אָט דעם פעריאָד (וואַלן אין די ראַטן, אין די רייאָנע דומעס א. א.) און אַלע מאַסן־באַוועגונגען פונעם פעטערבורגער פּראָלעטאַריאַט פלעגן אַדורכגיין אונטער לענינס אומיטלבאַרער אָנפירונג.

בעשאַס עס האָבן זיך אָנגעהויבן די יולי־געשעענישן איז לענין געווען קראַנק און געווינט אין אַ דאָרף נעבן פעטראָגראַד. ער איז טייקעף געקומען אין דער הויפּטשטאָט, קעדיי אָנצופירן מיט דער באַוועגונג פונעם

פּעטראָגראַדער פּראָלעטאַריאַט. די יולי־אַרויסטרעטונג פון די פּעטראָגראַדער אַרבעטער, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אונטערן לאָזונג וועגן איבערגאַנג פון דער מאַכט אין די הענט פון די ראַטן, האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ צייטווייליקער מאַפּאַלע פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און סאָלדאַטן. קעדיי צו דעמאָראַליזירן די באַוועגונג, לאָזט די בורזשואַזיע אין גאַנג אַ שמוציקן רעכילעסדיקן דאָקומענט, וואָס איז פאַבריצירט געוואָרן פון דער „אָכראַנקע" מיט ג. אַלעקסינסקין, אַז לענין איז קוימעדשט אַ דייטשישער שפּיאָן, וואָס האַנדלט אין די אינטערעסן פונעם דייטשישן אימפּעריאַליזם. די העצע קעגן לענינען און די באָלשעוויקעס דערגרייכט אין יענעם פּעריאָד איר העכסטן פּונקט. די צייטווייליקע רעגירונג גיט אַפּ אַ באַפעל צו אַרעסטירן לענינען. קערענסקיס יונקער־באַנדעס זוכן אַרום דעם פירער פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, קעדיי אים צו הארגענען. באַ אַזוינע באַדינגונגען גייט לענין אַריבער, לויט אַ באַשלוס פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי, אַף אַן אומלעגאַלער לאַגע. אין לויף פון עטלעכע טעג באַהאַלט ער זיך אויס הינטערן שטאָט, אין דער דירע פונעם אַרבעטער ס. אַלילויעוו, דערנאָך נעבן סעסטראָרעצק (ניט ווייט פון פּעטראָגראַד), באַם אַרבעטער נ. יעמעליאַנאָוו, און נאָך אַ טאָג שפּעטער גייט ער אַריבער אין אַ ביידל, עטלעכע וויאָרסט פון דער סטאַנציע ראַזליוו. דאָ פאַרברענגט לענין באַ אַ אָנדערהאַלבן כאָדאָשים. אָנהייב סענטיאַבער פאָרט לענין אומלעגאַל אַריבער די פינלענדישע גרענעץ (אַלס אַ הייצער אַף אַ לאָקאָמאָטיוו), און באַזעצט זיך אין העלסינגפאָרס, ווו ער וווינט אומלעגאַל באַ זיכערע פינלענדישע סאָציאַלדעמאָקראַטן.

געפינענדיק זיך אין אונטערערד, האַלט לענין די פאַרבינדונג מיטן צ. ק. און אַרבעט ווייטער ענערגיש מיט אין דעם אָנפירנדיקן אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, וואָס דערשיינט ווייטער אונטער פאַרשיידענע נעמען, אָנשטאָט דער צעגראָמירטער און פאַרמאַכטער „פּראַוודאַ". אין אַ ריי דירעקטיוו־אַרטיקלען און בראָשורן אין דעם פּעריאָד („וועגן די לאָזונגען", וועגן די קאָנסטיטוציאָנעלע אילוזיעס", „די לערע פון דער רעוואָלוציע", „די דראָענדיקע קאַטאַסטראָפע און ווי אַזוי צו קעמפן מיט איר", „די רוסישע רעוואָלוציע און דער בירגער־קריג", „די אויפגאַבן פון דער רעוואָליוציע", „דער קריזיס איז צייטיק געוואָרן", „צי וועלן

די באָלשעוויקעס אײַנהאַלטן די מעלוכע־מאַכט" — אָט דער אַרטיקל איז געווען געדרוקט אינעם זשורנאַל „פּראָסוויעשטשעניע") גיט לעני̆ן אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין לאַנד אין צוזאַמענהאַנג מיט די יולי־טעג, און גרייט די מאַסן און די פּאַרטיי צו דער אומפאַרמיידלעכקייט און נייטווענדיקייט פון באַוואָפנטן קאַמף פאַר דער מאַכט. פון אונטערערד פירט לעני̆ן אויך אָן מיט די אַרבעטן פונעם VI פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וואָס איז האַלבלעגאַל פאָרגעקומען אין פּעטראָ־גראַד, און אַרבעט אַסאַך איבער די פראַגן פון דער פּאַרטיי־פּראָגראַם, מיט וועלכער ער האָט אָנגעהויבן זיך שטאַרק צו פאַרנעמען נאָך פאַר די יולי־טעג („מאַטעריאַלן אַף דורכקוקן די פּאַרטיי־פּראָגראַם", „צום דורכ־קוק פון דער פּאַרטיי־פּראָגראַם"). אין העלסינגפאָרס פאַרענדיקט לעני̆ן זײַן גלענצנדיקן בוך „מעלוכע און רעוואָליוציע", ווו ער שטעלט ווידער אויף די לערע פונעם מאַרקסיזם וועגן מעלוכע. אַרבעטן איבער דעם בוך האָט לעני̆ן אָנגעהויבן נאָך אין אויסלאַנד, ערעוו דער פעוראַל־רעוואָ־ליוציע.

זייענדיק געצוווּנגען צו געפינען זיך ווייט פון דער אַרענע פונעם אומיטלבאַרן קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס, שפּירט לעני̆ן וואַכזאַם נאָך נאָכן גאַנג פון דער באַוועגונג, דערלערנט זאָרגזאַם די שטימונג פון די מאַסן און כאַפּט אויף די סימפּטאָמען פונעם נייעם אויפשטייג פון דער רעוואָליוציאָנערער כוואַליע. נאָך דעם ווי ס'איז אונטערדריקט געוואָרן קאָרנילאָווס קאָנטר־רעוואָליוציאָנערער אויפשטאַנד, נאָך דעם ווי אונדזער פּאַרטיי האָט באַקומען אַ מערהייט אין פּעטראָגראַדער און מאָסקווער ראַטן פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן, שטעלט לעני̆ן די אויפגאַבן פון אומיטלבאַרן צוגרייטן און אָרגאַניזירן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד. „די באָלשעוויקעס מוזן נעמען די מאַכט" — אַזוי רופט זיך אָן לעני̆נס בריוו, מיט וועלכן ער האָט זיך געווענדעט צום צענטראַל־קאָמיטעט און צו פּעטראָגראַדער און מאָסקווער קאָמיטעטן פון אונדזער פּאַרטיי דעם 25—27 (12—14) סענטיאַבער.

פון אָט דעם מאָמענט אָן הויבט זיך אָן לעני̆נס „אַגיטאַציע" פאַר אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, וועלכע לאָזט זיך מיט קיין זאַך ניט פאַר־גלײַכן לויט איר זעלטענער לײַדנשאַפטלעכקייט, אײַנגעשפּאַרטקייט און

אלזייטיקייט פון די ארגומענטן. דעם 29 סענטיאבער פאדערט לענין קאטעגאריש „באלד איבערנעמען די מאכט", א „באלדיקן אופשטאנד", שטעמפלענדיק אז ראכמאנעס אלע שטימונגען פאר אפלייגן אדער אפשלעפן דעם אופשטאנד. „ווארטן איז א פארברעכן", שרייבט לענין אנהייב אקטיאבער. „מע דארף גיין אף אן אופשטאנד טייקעף". „פארשלעפעניש איז אלציינס ווי דער טויט", — שרייבט לענין דעם 8־טן אקטיאבער.

קעדיי צו זיין נעענטער צום צענטער פון די געשעענישן, צום רעוואליוציאנערן פעטראגראד, פארט לענין אריבער אין וויבארג (סאף סענטיאבער לויטן אלטן סטיל), און שפעטער, אנהויב אקטיאבער באזעצט ער זיך אומלעגאל אין פעטראגראד, הינטערן שטאט. דעם 10 און 16 אקטיאבער קומען פאר קאנספיראטיווע זיצונגען פון צ. ק. (די צווייטע זיצונג — צוזאמען מיטן אקטיוו), ווו לענין טרעט ארויס אלס פארטרעגער און פירט דורך די רעזאליוציע פארן באוואפנטן אופשטאנד. 10 מיטגלידער פון צ. ק. (לענין, סווערדלאוו, סטאלין, טראצקי, בובנאוו סאקאלניקאוו, לאמאוו, קאלאנטאי, דזערזשינסקי, אוריצקי) האבן געשטימט פאר דער רעזאליוציע, 2 מיטגלידער פון צ. ק. (קאמענעוו און זינאוויעוו)—קעגן. אף דער זיצונג פון 10 אקטיאבער איז געשאפן געווארן א פאליטישע ביורא מיט לענינס אנטייל אף אנצופירן מיטן אופשטאנד.

אין עטלעכע טעג ארום (29 אקטיאבער) איז פארגעקומען די צווייטע זיצונג פונעם צ. ק., ווו עס האבן זיך באטייליקט א ריי פאראנטווארטלעכע פארטיי־טוער. דער פארטראג וועגן דעם באוואפנטן אופשטאנד האט געהאלטן לענין. איינער פון די געוועזענע גיט איבער זיינע איינדרוקן: „זיין רעדע האט געדויערט בעערעך ארום צוויי שא און איז אויסגעהערט געווארן פון די פארזאמלטע מיט גרויס אופמערקזאמקייט. אלע האבן זיך צוגעהערט ווי איינהאלטנדיק דעם אטעם. ווען ער האט גענדיקט, זיינען אייניקע סעקונדן אריבער, ווי היפנאטיזירט... אין מעשעך פון מיין 20־יעריקער באקאנטשאפט מיט לענינען האב איך פון אים געהערט פיל פארטראגן און רעדעס, נאר אזא פארטראג האב איך פון אים נית געהערט". די פארזאמלונג האט באגיטיקט דעם באשלוס פונעם צ. ק. פונעם 23 (10) אקטיאבער און האט אנגענומען א באשלוס: „רופן אלע

אָרגאַניזאַציעס, אַלע אַרבעטער, אַלע סאָלדאַטן צו אַן אַלזייטיקער און פאַרשטאַרקטער צוגרייטונג צום באַוואָפנטן אופשטאַנד".

באַשטייענדיק, אַז עס זאָל וואָס גיכער אָרגאַניזירט ווערן דער באַוואָפנטער אופשטאַנד, נעמט לענין אונטער אַן אַכזאָריעסדיקער קריטיק די אָפּאָרטוניסטישע פּאָזיציע פון קאַמענעוון און זינאָוויעוון און פאָדערט מע זאָל זיי אויסשליסן פון דער פּאַרטיי אַלס „שטרייקברעכער" (קאַמעניעוו און זינאָוויעוו זיינען אין דער פּאַרטיישער פּרעסע אַרויסגעטראָטן קעגן אופשטאַנד, קעגן דעם באַשלוס פון צ. ק.). דעם 24 אָקטיאַבער אינאָוונט שרייבט לענין ווידער אַ בריוו די מיטגלידער פון צ. ק. און פאָדערט אַ טייקעפדיקן באַוואָפנטן אופשטאַנד; שפּעטער, אין עטלעכע שאָ אַרום, פאַרלאָזט לענין זיין אומלעגאַלע באַהעלטעניש און, אַן איבערגעטאָנענער, גייט ער אַריבער אין סמאָלני־אינסטיטוט, קעדיי פון דאָרטן אומיטלבאַר אָנצופירן מיטן באַוואָפנטן אופשטאַנד.

דעם 25 אָקטיאַבער, אינעם טאָג פון דער איבערקערעניש, וואָס האָט איינגעשטעלט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד, טרעט לענין צום ערשטן מאָל נאָך די יולי־טעג אָפן אַרויס פאַר די פּעטראָגראַדער אַרבעטער מיט אַ רעדע אין פּעטראָגראַדער ראַט. אָפן צווייטן טאָג ווערן אָפן II ראַטן־צוזאַמענפאָר, לויט לענינס פאָרטראָג, אָנגענומען די היסטאָרישע דעקרעטן וועגן שאָלעם און וועגן איבערגעבן די ערד די פּויערים. דער צוזאַמענפאָר שאַפט אַן אַרבעטער־פּויערשע רעגירונג — דעם ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן אונטער לענינס פּאָרזיץ. אָף דעם פּאָסטן פאַרבלייבט לענין ביז זיין טויט. די ערשטע טעג נאָך דער איבערקערעניש, וואָס זיינען אַדורך אין אָנגעשטרענגטער אַרבעט אָף אָרגאַניזירן די ראַטנמאַכט און דערשטיקן די קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע אַרויסטרעטונגען פון די אָנהענגער פון דער צייטווייליקער רעגירונג, זיינען באַגלייט געוועזן פון אַ שווערן קריזיס אינעם צ. ק. פון דער פּאַרטיי: קאַמענעוו, זינאָוויעוו, ריקאָוו און עטלעכע אַנדערע כאַוויירים, וואָס האָבן כאַשטאַנען, אַז מע זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער דיקטאַטור און שאַפן אַ קאָאַליציע־רעגירונג צוזאַמען מיט די מענשעוויקעס און עסערן, זיינען דעם 4 נאָיאַבער אַרויס פונעם באַשטאַנד פון צ. ק. און פונעם ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן, העיויס אָזוי ווי דער צ. ק., וואָס איז אָנגעפירט

געוואָרן פון לענינען, האָט זיך אָפּגעזאָגט גיין אַף וועלכע ניט איז האַנאַכעם אין דער פראַגע וועגן מאַכט. אין אַן אופרוף, געווענדעט צו דער פאַרטיי און צו אַלע אַרבעטנדיקע, האָט לענין דעמדאָזיקן שריט פון די אויבנדערמאָנטע כאַווײרים געשטעמפּלט אַלס דעזערטירעריי. די פאַרטיי און דער אַרבעטער־קלאַס האָבן אַנטשיידן אונטערגעשטיצט דעם צ. ק.

האַלטנדיק פאַר אומגעהויער וויכטיק די אונטערשטיצונג פון פויערטום פאַרן פראָלעטאַריאַט, אַרבעט לענין זייער אַסאַך אינעם פעריאָד פון די אָקטיאַבער־טעג קלאָר צו מאַכן דעם פויערטום די פּאָזיציעס פון אונדזער פאַרטיי דורך אַרטיקלען און רעדעס אַף די צוזאַמענפאָרן פון פויערשע דעפּוטאַטן, וואָס זיינען צו דער צייט פאָרגעקומען, און פירט דורך מע זאָל אַריינעמען אין באַשטאַנד פון דער רעגירונג עטלעכע פאָרשטייער פון די לינקע עסערן. צוגלייך דערמיט נעמט לענין אָן אָנפירנדיקן אָנטייל אינעם אַרויסגעבן אַ ריי דעקרעטן, וואָס באַרירן די סאַמע פאַרשיידענע זייטן פון דער נייער ראַטן־אָרדענונג (אָפּשאַפונג פון שטאַנדן, דעקרעט וועגן נאַציאָנאַליזירן די בענק א. א. וו.).

אָנהייב יאַנוואַר 1918 י. האָט זיך געעפנט די גרינדונג־פאַרזאַמלונג, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן לויט די אַלטע צעטלעך און וואָס האָט באַם איצטיקן מאָמענט ניט אָפּגעשפּיגלט די שטימונגען פון די מאַסן. ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גרינדונג־פאַרזאַמלונג, ווו די מערהייט האָט געהערט די רעכטע עסערן און די מענשעוויקעס, זאָגט זיך אָפּ צו אָנערקענען די ראַטנמאַכט און שטעלט זיך אַקעגן דער פראָלעטאַרישער דיקטאַטור, איז זי, לויט לענינס איניציאַטיוו, דעם 19 (6) יאַנוואַר 1918 י. פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן. ניט לאַנג פאַר דעם, דעם 14 (1) יאַנוואַר האָט מען אַף לענינען געמאַכט דעם ערשטן אַטענטאַט: די טעראָריסטן האָבן באַשאָסן דעם אַווטאָמאָביל, אין וועלכן לענין איז געפאָרן, אָבער וול. איל. איז געבליבן גאַנץ.

די ערשטע כאַדאָשים פון 1918 י. שטייט אין צענטער פון לענינס אויפמערקזאַמקייט די פראַגע וועגן מילכאָמע אָדער שאָלעם מיטן דייטשישן אימפעריאַליזם. די שאָלעם־אונטערהאַנדלונגען מיט די דייטשן האָבן צו גאָרנישט געבראַכט, דאָס האָט אַוועקגעשטעלט די פאַרטיי און די ראַטנמאַכט פאַר דער נויטווענדיקייט צו לייזן די פראַגע אַהער אָדער

אַהין. דאַן האָט לענין, וואָס האָט גרינטלעך נאָכגעשפּירט נאָך דער שטימונג פון אונדזער אַרמיי און זיך איבערצייגט, אַז זי איז לאַכלוטן ניט פעיק צו קעמפן, קאַטעגאָריש זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אונטערשרייבן טייקעף דעם שווערן אַנעקסיאָנעלן שאָלעם, קעדיי אַף אַזאַ אויפן צו באַקומען אַן „אָטעם־איבערכאַפּ” אַף אָנצוזאַמלען קויכעס און אָרגאַניזירן די שויץ לענינס פּאָזיציע, וואָס איז אונטערשטיצט געוואָרן פון סטאַלינען, זינאָוויעוון א. א., האָט זיך פון אָנהייב אָנגעשטויסן אַף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מיצאַד דער מערהייט פון צ. ק. מיט טראָצקין און בוכאַרינען בעראָש, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז די דייטשן וועלן ניט אָנגרייפן, און וועלכע האָבן פאַרטיידיקט דעם לאָזונג „קיין קריג פירן מיר ניט, קיין שאָלעם שרייבן מיר ניט אונטער”, און מיצאַד דער מערהייט פון דער פאַרטיי. דער אָפּזאָג מיצאַד דער מערהייט פון צ. ק. אונטערצושרייבן דעם שאָלעם און דער איבערייס פון די אונטערהאַנדלונגען אין בריסק האָבן געפירט צו אַן אָפענסיווע פון די דייטשן און אַ פּאַנישער אַנטלויפעריי פון דער רוסישער אַרמיי איבערן גאַנצן פראָנט. די ראַטן־רעפּובליק איז מיט איינמאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַפן ראַנד פון אומקום. בלויז נאָך דעם גיט זיך לענינען איין, דראָענדיק אַז ער וועט אַרויסגיין פון צ. ק. און ראַטפאָלקאָם, דורכצופירן דורכן צ. ק. דעם באַשלוס וועגן אונטערשרייבן דעם שאָלעם, וואָס ווערט נאָכדעם באַשטעטיקט פון VII צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי (מאַרט 1918 י.), ווו לענין טרעט אַרויס אַלס פאָרטרעגער איבער דער פראַגע וועגן מילכאָמע און שאָלעם. דער „אָטעם־אבערכאַפּ”, וואָס די ראַטן־רעפּובליק האָט באַקומען אַלס רעזולטאַט פון שליסן דעם שאָלעם, האָט זי געראַטעוועט פונעם אומפאַרמיידלעכן אומקום אין פאַל פון אַ רעוואָליוציאָנערן קריג.

דאָס אונטערשרייבן דעם שאָלעם איז באַגלייט געווען פון אַ שווערן פאַרטיי־קריזיס, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכן קאַמף פון די לינקע קאָמוניסטן בעראָש מיט בוכאַרינען קעגן לענינס פּאָליטיק. די פאַרטיישע אָרגאַניזאַציעס און דער אַרבעטער־קלאַס אינגאַנצן גענומען האָבן זיך גיך אויסגעניכטערט פון דער רעוואָליוציאָנערער פראַזע און האָבן אָנערקענט די ריכטיקייט פון לענינס פּאָליטיק. צו דער צייט פון באַזונדערס שאַרפן קאַמף פאַרן אונטערשרייבן דעם שאָלעם (יאַנוואַר—מאַרט 1918 י.)

געהערט א ריי גלענצנדיקע ארטיקלען און רעדעס לענינס, וועלכע באגרינדן די נויטיקייט פון שאלעם און דעקן אויף די פאטאלישקייט און קליינבירגערלעכקייט פון די אנהענגער פון א רעוואליוציאנערן קריג („טעזיסן איבער דער פראגע וועגן שליסן טייקעף א סעפאראטן און אנעקסיאנעלן שאלעם", „וועגן דער רעוואליוציאנערער פראזע", „וועגן דער בייסעניש", „שאלעם אדער מילכאמע", „דער אומגליקלעכער שאלעם", „א שווערע, אבער נויטיקע לעקציע", „דאס משונהדיקע און ווילדע", רעדעס אף זיצונגען פון צ. ק., אפן 7-טן פארטיי-צוזאמענפאר, אפן 4-טן אויסערארדנטלעכן ראטן-צוזאמענפאר).

די אנגעשטרענגטקייט פון דער אויסן-פאליטישער לאגע פון דער רעפובליק די ערשטע כאדאשים 1918 י. האט לענינען בלויז טיילווייז דערלויבט צו פארנעמען זיך מיט פאנאנדערארבעטן פראגן פון עקאנאמישער בויונג. דאס, וואס דאס לאנד האט באקומען אן אטעם-איבערכאפ, האט געגעבן לענינען א מעגלעכקייט צו קאנצענטרירן זיין אופמערקזאמקייט אף די פראבלעמען פון דער סאציאליסטישער רעארגאניזירונג פונעם לאנד. אין אפרעל שרייבט לענין א גרויסע בראשור (ארטיקל) „די ארדנטלעכע אופגאבן פון דער ראטנמאכט" און טרעט ארויס דעם 29 אפרעל אף דערזעלבער טעמע מיט א גרויסן פארטראג אף דער זיצונג פון א. צ. א. ק. אין דעם ארטיקל און אין דער רעדע האט לענין געגעבן א גאנצן פלאן פון עקאנאמישן אופבוי פון סאציאליזם: ארגאניזירן דעם דיסקאנט און דעם קאנטראל אין דער פראדוקציע און פארטיילונג, העכערן די דיסציפלין און פראדוקטיווקייט פון דער ארבעט, ארגאניזירן א געוועט, איינפירן אקארד-לוין, איינפערזאניקע אנפירונג א. א. באזונדערס פיל אופמערקזאמקייט גיט לענין אף דער אידיי פונעם „מעלוכעקאפיטאליזם". אגעוו-אורכע דעמאסקירט לענין דעם קליינבירגערלעכן כאראקטער פון דער „לינק-קאמוניסטישער" אפאזיציע, וועלכער ער דערלאנגט שפעטער, אין מיי, אן ענדגילטיקן קלאפ מיט דער בראשור „וועגן דער לינקער קינדעריי און קליינבירגערלעכקייט".

דער פלאן פון סאציאליסטישע מאסמיטלען, וואס לענין האט אויסגעארבעט אין אפרעל—מיי און וואס איז שפעטער אפגערוקט געווארן דורכן גאנג פונעם בירגער-קריג, האט פארגעשטעלט אין א געוויסער

מאָס דעם פאָרבילד פון יענער פּאָליטיק, וועלכע איז שפּעטער, אין די יאָרן 1921—1922, אַריינגעפירט געוואָרן אונטערן נאָמען נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק און וואָס האָט אין געוויסע גרענעצן באַנייט לענינס אידייען פון דער ערשטער העלפט 1918 יאָר.

אינעם פעריאָד פון „אָטעם־איבערכאַפּ" רוקט לענין אַרויס די אידיי פון שאַפן אַ רויטע אַרמיי און אַרבעט אַסאַך און איינגעשפּאַרט איבער איר אָרגאַניזירונג. אַפן אָרט פון „אָטעם־איבערכאַפּ" איז אָנגעקומען אַ דויערנדיקער בירגער־קריג, וואָס האָט זיך צעצויגן אַף אַ דריי יאָרן (1918—1920 י.י.); די לאַגע פון דער רעפּובליק איז עטלעכע מאָל געווען אַ דראָענדיקע, ס'האָט זיך געדוכט, אַז איר אומקום איז אומפאַרמיידלעך. אין מעשעך פון גאַנצן בירגער־קריג פירט לענין אָן מיטן שוץ פון דער רעפּובליק, נעמענדיק אַן אַנטשיידנדיקן אָנטייל אינעם אויסאַרבעטן ניט בלויז מיליטעריש־פּאָליטישע, נאָר אויך ריין אָפּעראַטיווע דירעקטיוון, פאָדערנדיק שטענדיק מאַטעריאַלן וועגן דער לאַגע אין דער אַרמיי, פון טאָג צו טאָג נאָכפאָלגנדיק נאָך דער לאַגע אַף די פראָנטן, ווענדנדיק די אויפמערקזאַמקייט פון דער מיליטערישער מאַכט אַף די אַמייסטן באַדראָטע באַצירקן און פונקטן, אָנעמענדיק מיטלען אַף צו פאַרבעסערן די לאַגע אַף פאַרשיידענע באַצירקן. עס איז פאַרבליבן לענינס אַ רייכע מיליטערישע קאָרעספּאָנדענץ פון דער עפּאָכע פון בירגער־קריג, וועלכע ווייזט זיין אויסשליסלעכע ראָליע אינעם אָרגאַניזירן דעם שוץ פון דער ראַטן־רעפּובליק.

אין מעשעך פון גאַנצן פעריאָד פון בירגער־קריג און ביכלאַל פאַר דער גאַנצער צייט פון דער עקזיסטענץ פון דער ראַטנמאַכט האָט לענין שטענדיק אָפּגעגעבן זייער אַסאַך אויפמערקזאַמקייט דעם אַנאַליז פון דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, דעם דיסקאַנט פון די וועלט־קרעפטן אין די ענדערונגען אין זייערע קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן. לענין האָט זאָרגזאַם שטודירט און נאָכגעשפּירט די אַנטוויקלונג און דאָס אָנוואַקסן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָליוציע און האָט געהאַלטן פאַר זייער וויכטיק, אַז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל אויסנוצן די ווידערשפּרוכן, וואָס זיינען פאַראַן אינעם לאַגער פון די קאַפּיטאַליסטן. נאָכן שליסן דעם בריסקער שאָלעם, ניט געקוקט אַף זיין גאַנצער אומזיכערקייט, האָט לענין גע־

האלטן פאר דער וויכטיקסטער אופגאבע פון דער ראטן־רעפובליק די טאקטיק פון „לאווירן", די טאקטיק פון איינהײטן און פארלענגערן דעם „אטעם־איבערכאפ" מיטן ציל צו זאמלען און אנצוקלייבן קויכעס. אינעם פעריאד פון בירגער־קריג, אין צוזאמענהאנג מיט דער אינטערווענץ, וואס האט זיך אלץ מערער אנטוויקלט, מיט די קאנטער־רעוואליוציאנערע אופשטאנדן און בונטן (די קאנטער־רעוואליוציאנערע איבערקערעניש אין אוקראינע, דער אופשטאנד פון די טשעכא־סלאוואקן, די אקופאציע אין צאפן דורך די ענגלענדער און פראנצויזן, די וויסגווארדעישע אופשטאנדן אין א ריי שטעט, דאס פארכאפן גרויסע צענטערן אין קאווקאז דורך די „פארבינדעטע", דער דעסאנט פון די „פארבינדעטע" אין דארעם־רוסלאנד א. א. וו.), האט זיך די אויסערלעכע און אינערלעכע לאגע געענדערט מיט אן אויסערגעוויינטלעכער גיכקייט, פאדערנדיק פון דער פארטיי א טייקעפדיקע אריענטירונג. זיין אפשאצונג פון „לויפנדיקן מאמענט" פלעגט לענין געוויינטלעך געבן אין רעדעס אף די ראטן־צוזאמענפארן, אף די זיצונגען פון א. צ. א. ק., אף די פלענומען פון מאסקווער ראט, אף די צוזאמענפארן און קאנפערענצן פון די פראפעסיאנעלע פאריינען און פאבריק־זאוואדישע קאמיטעטן און אף אנדערע פאראנטווארטלעכע פארזאמלונגען — אסאך זעלטענער אין ארטיקלען.

זומער 1918 י. שטעלט לענין אוועק אין צענטער אופמערקזאמקייט פונעם ארבעטער־קלאס דעם ארגאניזירטן קאמף קעגן הונגער, רופנדיק די ארבעטער צו א מאסן־מארש אין דארף אריין נאך ברויט, פאדערנדיק צו שאפן דערנערונג־אטריאדן, ארגאניזירן ארעמשאפט־קאמיטעטן און פראקלאמירנדיק אן אנראכמאנעסדיקן קריג קעגן דער לאנדווירטשאפטלעכער בורזשואזיע, קעגן די באלעגופים, וואס ספעקולירן מיט ברויט, רייסן ארונטער די ברויט־מאנאפאליע און פארמישפעטן דעם ארבעטער־קלאס אף הונגער. „מע דארף ארגאניזירן, — שרייבט לענין — א גרויסן „קרייץ־צוג" קעגן די ברויט־ספעקוליאנטן, די באלעגופים, די פאראזיטן, די דעזארגאניזאטארן, די כאבארניקעס, א גרויסן „קרייץ־צוג" קעגן די, וואס זיינען אויוועך אף דער שטרענגסטער מעלוכישער ארדענונג אינעם זאמלען, צופירן און פארטיילן דאס ברויט". אונטער לענינס אנפירונג ווערט איינגעפירט די שטרענגסטע דערנערונג־דיקטאטור. צו דעם פעריאד

געהערט אַ ריי לעגינס וויכטיקע רעדעס איבער דער פראַגע וועגן קאַמף מיטן הונגער (4 יולי, 27 יולי) און זיין בריוו „אַ בריוו די אַרבעטער פון פּיטער” וועגן הונגער. פריער נאָך, דעם 28 יוני, פירט לעגין אַדורך דעם דעקרעט וועגן נאַציאָנאַליזירן די גרויס־אינדוסטריע. „דער ענגסטער בונד אין פולקומע צונויפגיסונג מיט דער דאָרפישער אָרעמשאַפט, האַנאָכעם און אַ אויסגלייך מיטן מיטלפויער; אָנראַכמאָנעסדיק אונטערדריקן די באַלעגופים, אָט די בלוטזייגער, וואַמפּירן, פּאָלקרויבער, ספּעקוליאַנטן, וואָס ווערן ניסאַשער פון הונגער”—אָט אַזוי פאָרמולירט לעגין די אופגאַבן פונעם אַרבעטער־קלאַס. אין מעשעך פון גאַנצן בירגער־קריג איז די דערנערונג־לאַגע פון דער רעפּובליק די גאַנצע צייט געווען אומגעהויער אָנגעשטרענגט, און יעדעס מאָל, ווען די ברויט־פראַגע פלעגט זיך פאַרשאַרפן, פלעגט לעגין טאָמיד ווענדן זיך צו די אַרבעטער־מאַסן, צו זייער איניציאַטיוו, אויסגעהאַלטנקייט, ענטוזיאַזם און אָרגאַניזירטקייט.

דעם 4—10 יולי פירט לעגין אָן מיט די אַרבעטן פון V ראַטן־צוזאַמענפאָר (745 באָלשעוויקעס, 352 לינקע עסערן), ווו עס קומט צום איינרייס צווישן די באָלשעוויקעס און די לינקע עסערן, וועלכע האָבן פראָטעסטירט קעגן שאַפן דערנערונג־אָטריאַדן און אָרעמשאַפט־קאָמיטעטן. דעם 5 יולי טרעט לעגין אַרויס אַפן צוזאַמענפאָר מיט אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון ראַטפאָלקאָם. דעם 6 יולי פירט ער אָן מיטן אונטערדריקן דעם בונט פון די לינקע עסערן אין מאָסקווע, וואָס האָבן געהאַרגעט דעם דייטשישן געזאַנטן מירבאַכן מיטן ציל צו פראָוואָצירן אַ קריג מיט דייטשלאַנד, און וואָס האָבן אָנגעהויבן אַן אופשטאַנד קעגן דער ראַטנמאַכט. אין די נאָענטסטע טעג שטרענגט לעגין אָן אַלע זיינע קרעפטן אָף איינצוהיטן דעם שאָלעם מיט דער דייטשישער רעגירונג און צו דערזעלבער צייט (דעם 15 יולי) וואַרפט ער אָנטשיידן אָפ דעם פאַרשלאַג פון דער דייטשישער רעגירונג אַריינפירן אַ באַטאַליאָן דייטשישע סאָלדאַטן קיין מאָסקווע אָף איינצוהיטן די געזאַנדטשאַפט.

אין יולי—אַווגוסט 1918 י., אין צוזאַמענהאַנג מיטן אופשטאַנד פון די טשעכאָ־סלאָוואַקן און אַ ריי אַנדערע קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע בונטן איז די לאַגע פון דער ראַטן־רעפּובליק געוואָרן זייער געפערלעך. לעגין אַרבעט פיבערדיק אָף צו אָרגאַניזירן דעם שוץ פון דער ראַטן־רעפּובליק

און שאפן א רויטע ארמיי, אפגעבנדיק צו דער זעלבער צייט אסאך אופמערקזאמקייט דעם קאמף מיטן הונגער. אין אט דעם פעריאד טרעט לענין אפט ארויס אף ארבעטער־פארזאמלונגען און מיטינגען (אפט 4 מאל א טאג), דערמונטערט די ארבעטער און רופט זיי צום קאמף קעגן דער קאנטר־רעוואליוציע. ניט געקוקט אף די ווארענונגען און רייד פון די כאוויירים, באציט זיך לענין גאנץ גלייכגילטיק צו זיין פערזענלעכער זיכערקייט. און בעשאס־מייסע שפירן אים נאך שריט אף טריט די עסערישע טעראריסטן. דעם 30 אווגוסט 1918 י., ארויסגייענדיק פונעם געוו. מיכעלסאנס זאוואד, ווו לענין איז ארויסגעטראטן אף אן ארבעטער־פארזאמלונג, איז ער שווער פארוואונדעט געווארן דורך דער עסערן פ. קאפלאן. זיין לעבן האט געשוועבט אין געפאר. אבער לענינס מעכטיקער ארגאניזם האט די סאקאנע ביי געקומען, און שוין דעם 17 סענטיאבער פירט לענין אן מיט דער זיצונג פון ראטפאלקאם. אף קאפלאנס שאס און אף דער דערמארדונג פון אנדערע ארבעטער־פירער האט דער פראלעטאריאט געענטפערט מיט א רויטן מאסן־טעראר.

הארבסט 1918 י. שפירט לענין נאך מיט דער גרעסטער אופמערקזאמקייט נאך דער אנטוויקלונג פון פאליטישן קריזיס אין דייטשלאנד און דעם וווקס פון דער דייטשישער רעוואליוציע. דעם 3 אקטיאבער שטעלט ער פארן א. צ. א. ק. און פאר אנדערע מאסאווע ארבעטער־ארגאניזאציעס די פראגע וועגן דעם, אז ס'איז נויטיק „אנצושטרענגען אלע קויכעס קעדיי צו העלפן די דייטשישע ארבעטער” (שאפן ברויט־רעזערוון, פארגרעסערן די רויטע ארמיי ביז 3 מליאן מאן). „לאמיר־זשע טייקעף אנהייבן זיך גרייטן—שרייבט לענין.—לאמיר דערווייזן, אז דער רוסישער ארבעטער קען אסאך ענערגישער ארבעטן, אסאך מעסירעס־נעפעשדיקער קעמפן און שטארבן, ווען עס האנדלט זיך ניט בלויז וועגן איין רוסישער, נאר אויך, וועגן דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־רעוואליוציע”. קאנסטאטירנדיק די נאענטקייט פון דער רעוואליוציע אין דייטשלאנד שטרייכט לענין צו דער זעלבער צייט אונטער, אז די געפאר פאר דער ראטן־רעפובליק איז געווארן גרעסער, אף וויפל דער ניצאכן פון ענגליש־פראנצויזישן אימפעריאליזם איבער דייטשלאנד בינדט אים פאנאנדער די הענט און גיט אים א מעגלעכקייט צו פארשטארקן דעם אנ-

גריף קעגן דער ראַטן־רעפּובליק אַף אַראָפּצוואַרפן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור. דעם 6 און 8 נאָיאַבער איז לענין אַרויסגעטראָטן מיט פּאַר־טראַגן אַפן 6־טן ראַטן־צוזאַמענפאָר, אויספירלעך אָנווייזנדיק די ענדער־ונגען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער אַלוועלטלעכער לאַגע אין צוזאַמענהאַנג מיטן זיג פון ענגליש־פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם און דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע אין דייטשלאַנד.

אין אָקטיאַבער און נאָיאַבער 1918 י. שרייבט לענין אַ גרויסע אַר־בעט „די פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע און דער רענעגאַט קאַוטסקי", אין וועלכער ער גיט אַ שניידיקע קריטיק דעם, וואָס דער אַפּאָסטאַל פון אינטערנאַציאָנאַלן מענשעוויזם (און אויך וואַנדערוועלדע) פאַרטיידיקט די בורזשואַזע דעמאָקראַטיע לעגאַבע דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. לענין דעקט אויף דערביי, ווי אַזוי קאַוטסקי פאַרדרייט און פאַרקריפּלט דעם רעוואָליוציאָנערן מאַרקסיזם אין דער פראַגע וועגן דער דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע, אין דער פראַגע וועגן מעלוכע, ראַטן, אינטערנאַציאָנאַליזם און אַנדערע קאַמף־פראַגן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. אין בריוו צו די אַמעריקאַנישע און אייראָפּעישע אַרבעטער באַלייכט לענין פאַר זיי די פּאָליטיק פון די באָלשעוויקעס, פירנדיק אינצייטיק אַ קאַמף קעגן אינטערנאַציאָנאַלן אָפּאָרטוניזם און אויס־דריקנדיק אַ פעסטע זיכערקייט אינעם ניצאָכן פון דער פּראָלעטאַרישער וועלט־רעוואָליוציע.

לויט לענינס איניציאַטיוו ווערן אין 1918 י. געשאַפן אָרגאַניזאַציעס פון די, וואָס סימפּאַטיזירן די באָלשעוויקעס. אין זעלבן יאָר און אין אָנהייב פון קומענדיקן יאָר ווענדעט לענין די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאַרטיי אַף דער נויטיקייט פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אויס־צונוצן דעם קאָאָפּעראַטיוון אַפּאַראַט, וואָס איז פאַרבליבן פון דער בורזשואַזיע, אַף דער נויטיקייט צו קעמפן קעגן ביוראָקראַטיזם און צו פאַר־בעסערן דעם סאָוועטישן אַפּאַראַט, אַף דער נויטווענדיקייט פונעם מאַסנוויידיקן אַנטייל מיצאַד די פּראָפּאַריינען אין דעם פּראַקטישן בויען פונעם סאָציאַליזם און אין דער אָרגאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע (פּאַר־טראַג פון 20 יאַנוואַר 1918 י., אַפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון די פּראָ־פאַריינען). אָנהייבנדיק פון דער צווייטער העלפט 1918 י. אַרבעט לענין

זייער אפאך איבער דער פראגע וועגן דער באציונג פון דער פארטיי צום
מיטל־פויערטום („די ווערטפולע אנערקענונגען פון פיטירים סאראקין",
פארטראג פון 27 נאיאבער וועגן די קליינבירגערלעכע פארטייען, רעדע
פון 11 דעקאבער אפן צוזאמענפאר פון די ערד־אפטיילן בא די ארעמ־
שאפט־קאמיטעטן און קאמונעס, „אן ענטפער אף אן אנפראגע פון א
פויער"), דורכטראכטנדיק דערביי פונדאסניי מארקס און ענגעלסעס גע־
דאנקען וועגן אט דער פראגע. „קענען דערגרייכן אן אויסגלייך מיטן
מיטל־פויער — אף קיין איין רעגע ניט אפזאגנדיק זיך פון קאמף קעגן
באלעגור און פעסט אנשפארנדיק זיך נאר אף דער ארעמשאפט", אזוי
פארמולירט לענין די אופגאבן פון דער פארטיי אף דעם געביט. די פאלי־
טיק פון דער פארטיי בענעגייע צום מיטל־פויערטום איז פארפעסטיקט
געווארן אפן VIII צוזאמענפאר פון דער פארטיי (מארט 1919 יאר).
לענינס לאנגדויערנדיקער קאמף קעגן די אפארטוניסטן, שאוויניסטן
און צענטריסטן אין דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־באוועגונג, זיינע
אנשטרענגונגען אף צו פאריייניקן און ארגאניזירן די בעעמעס רעוואליו־
ציאנערע עלעמענטן אינעם ארבעטער־קלאס אין די פארשיידענע לענדער
האבן זיך פארענדיקט מיט דער גרינדונג פונעם קאמוניסטישן אינטער־
נאציאנאל דעם 2 מארט 1919. דעם 2—7 מארט איז אין מאסקווע אונ־
טער לענינס פארזיץ פארגעקומען דער I קאנגרעס פון קאמוניסטישן
אינטערנאציאנאל. די וויכטיקסטע דאקומענטן פונעם I קאנגרעס זיינען
לענינס טעזיסן וועגן דער בורזשואזער דעמאקראטיע און דער דיקטאטור
פונעם פראלעטאריאט און זיין פארטראג אף דערזעלבער טעמע. שפעטער
האט לענין גענומען דעם נאענטסטן אנטייל אין די ארבעטן פון קאמינ־
טערן, וואס די גאנצע טעטיקייט זיינע פלעגט דורכגעפירט ווערן אונטער
וולאדימיר איליטשס אומיטלבארער אנפירונג. אין א ריי ארטיקלען,
וואס זיינען באשטימט געווען פאר די מייריעור־אייראפעישע קאמוניסטן
און ארבעטער („דער דריטער אינטערנאציאנאל און זיין ארט אין דער
געשיכטע", „א גרוס די אונגארישע ארבעטער", „די העלדן פון בערנער
אינטערנאציאנאל", וועגן די אופגאבן פון III אינטערנאציאנאל", „א
גרוס די איטאליענישע, פראנצויזישע און דייטשישע קאמוניסטן", „ווי
די בורזשואזיע נוצט אוים די רענעגאטן" 1919 י., „נאטיצן פון א

פובליציסט" — 1920 י.), און אין פאליטישע בריוו און אינסטרוקציעס רופט זיך לענין אפ אף אלע וויכטיקסטע פראגן, וואס זיינען געשטאנען פאר דער רעוואליוציאנערער באוועגונג אין מיירעוו, ער פירט אן אנטשיידענעם קאמף קעגן די אפארטוניסטן און רעפארמיסטן און באשטייט, אז די רעוואליוציאנערע פארטייען זאלן זיך פון זיי פולשטענדיק אפגרענעצן, ער פאדערט אנערקענען ניט נאר מיטן מויל די דיקטאטור, נאר אויך ווירקלעך קעמפן פאר איר, ער פראפאגאנדירט און קלערט אוף די אידיי פון די ראטן, ער העלפט די קאמוניסטן פון דער אונגארישער און בייערישער ראטן־רעפובליק מיט אנווייזונגען, פארצייכנט די טאעסן, וואס די יונגע, נארוואס געבוירענע קאמוניסטישע פארטייען אין מיירעוו האבן דערלאזט, און קעמפט מיט אלע קויכעס פארן שאפן אין די מיירעוו־לענדער ווירקלעך קאמוניסטישע, בעעמעס רעוואליוציאנערע פארטייען.

ווען ס'האט זיך פארענדיקט דער ערשטער קאנגרעס פון קאמינטערן איז לענין אף עטלעכע טעג ארויסגעפארן קיין פעטראגראד. פון די רעדעס, וואס ער האט געהאלטן אין פעטראגראד האט די גרעסטע באדייטונג זיין רעדע (אף א מאסן־מיטינג) „די דערפאלגן און שוועריקייטן פון דער ראטנמאכט". דעם 18—23 מארט קומט פאר אין מאסקווע אונטער לענינס אנפירונג דער VIII פארטיי־צוזאמענפאר — גראד אינעם פעריאד פון שווערע מיליטערישע דורכפאלן אפן מיזרעך (קאלטשאקס אפענסיווע). אפן צוזאמענפאר טרעט לענין ארויס מיט א באריכט וועגן דער טעטיקייט פון צ. ק., מיט א פארטראג וועגן דער באציונג צום מיטלפויערטום און מיט רעדעס וועגן דער פארטיי־פראגראם און וועגן דער לאגע אין דער רויטער ארמיי. דער צוזאמענפאר האט אנגענומען די רעזאליוציע, וואס לענין האט פארגעלייגט, וועגן דער באציונג צום מיטלפויערטום. דידאזיקע רעזאליוציע איז איינער פון די וויכטיקסטע דאקומענטן פון דער פארטיי אף דעם געביט. די פארטיי־פראגראם, וואס דער צוזאמענפאר האט באשטעטיקט, איז אויך אין גרונט גענומען אנגעשריבן דורך לענינען. אפן צוזאמענפאר האבן זיך ארויסגעוויזן גרויסע כעלוקעדייעס אין דער פראגע וועגן די מעטאדן פון אופבויען די רויטע ארמיי, באזונדערס אין דער פראגע וועגן אויסנוצן אין איר די ספעציאליסטן.

דער שטרייט האָט געטראָגן אַן אויסערסט שאַרפן כאַראַקטער; נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע האָט זיך לענין דערשלאָגן, אַז דער פּראָיעקט פון דער רעזאָליוציע, וועלכן די קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבעט, איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק.

אין מעשעך פון 1919 יאָר פירט לענין אָן מיטן אָנגעשטרענגטן קאַמף פון דער ראַטן-רעפּובליק קעגן קאָלטשאַקן, יודעניטשן און דעניקינען, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער פולער מאַפּאָלע פון די קאָנטר-רעוואָליוציאָנערע אַרמייען און מיטן באַפרייען די געגנטן, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַרנומען. כוץ די פראַגן פון אָרגאַניזירן דעם מיליטערישן שוץ פון דער רעפּובליק, פון באַזאָרגן און אויסשטאַטן די רויטע אַרמיי און כוץ אינטערנאַציאָנאַלע פראַגן (וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער און אינערלעכער לאַגע פון דער רעפּובליק דאַרף מען באַזונדערס פאַרצייכענען לענינס רעדעס פון 4 אַפּרעל, 4 יולי, 8 נאָיאַבער), זיינען אין צענטער פון לענינס אויפמערקזאַמקייט געשטאַנען די פראַגן וועגן קאַמף קעגן די דערנערונג-שוועריקייטן, קעגן די הייצוואַרג-שוועריקייטן און קעגן די עפּידעמיעס (פלעקטיפוס). אפן לייזן אָט די פראַגן קאָנצענטרירט זיך דעריקער לענינס פראַקטישע אַרבעט. אויסערדעם, פאַרנעמט עם זיך זייער אַסאַך מיטן אויפקלערן אונדזער פּאָליטיק בענעגייע צום פויערטום און מיטן באַלייכטן די פראַגן, וואָס שטייען פאַר דער פּאַרטיי בא איר אַרבעט אין דאָרף; ער גיט אָפּ אַסאַך אויפמערקזאַמקייט דער פראַגע וועגן די ספּעציאַליסטן, דער נאַציאָנאַלער פראַגע (אין אוקראַינע און אין טורקעסטאַן), דער קולטור און אויפקלערונג א. א. פון לענינס אַרבעטן אין דעם פּעריאָד, וואָס האָבן אַ באַזונדערס גרויסע פּאָליטישע און טעאָרעטישע באַדייטונג, דאַרף מען פאַרצייכענען פאָלגנדיקע: „דער גרויסער אויפטו“, „וועגן די קאָמוניסטישע אַרבעט-זונטיקס“, „די עקאָנאָמיק און די פּאָליטיק אין דער עפּאָכע פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט“, „די וואַלן אין דער גרינדונג-פאַרזאַמלונג און די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט“ (וועגן דער באַציונג צום בורזשואַזן פּאַרלאַמענטאַריזם און וועגן די באַדינגונגען פאַרן זיג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע), „וועגן אָפּנאַרן דאָס פאָלק מיט לאָזונגען פון פרייהייט און גלייכהייט“ (אַ רעדע.)

דעם 6—9 דעקאַבער 1919 י. איז פאָרגעקומען דער VII ראַטן-

צוזאמענפאר, ווו לענין איז ארויסגעטראטן מיט א פארטראג פון ראטפאלקאם און האט גענומען א טעטיקן אנטייל אין די ארבעטן פון דער ארגאניזיר־סעקציע פון צוזאמענפאר, ארויסזאגנדיק זיך פאר אויסנוצן די אלטע ספעציאליסטן און פאר שאפן גלייכצייטיק א קאדער נייע ספעציאליסטן — פון ארבעטער און פויערים. סאף יאר האט זיך מיט לענינען פארלאפן א פאל, וואס האט זיך געקאנט אויסלאזן זייער שלעכט און וואס איז נויטיק צו פארצייכענען: דעם 24 דעקאבער אינאווונט, ווען לענין איז דורכגעפארן אין אן אווטאמאביל הינטער מאסקווע, אפן וועגן קיין סאקאלניקי, זיינען אף אים אנגעפאלן באוואפנטע באנדיטן; צום גליק האבן די באנדיטן בלויז גערעדט מיט די רעוואלווערן און ניט געשאסן. זיי האבן זיך באגרענעצט מיט דעם, וואס זיי האבן צוגענומען דעם אווטאמאביל. שפעטער האט מען די גאנצע באנדע געכאפט און צעשאסן.

דער ניצאכן פון דער רויטער ארמיי אף אלע פראנטן, די ליקווידירונג פון קאלטשאקן, דעניקינען און יודעניטשן און דאס אראפנעמען די בלאקאדע האבן פאר דער ראטן־רעפובליק געעפנט די פערספעקטיוו פון איבערגאנג צו פרידלעכער בוויונג. אין סאף פון 1919 י. און אנהייב 1920 י. קאנצענטרירט לענין זיין גאנצע אופמערקזאמקייט אף די פראגן פון ווידערשטעלן די אינדוסטריע, דעם טראנספארט און די לאנדווירטשאפט. „צונויפזאמלען און צופירן א גרויסן מעלוכישן דערנערונג־רעזערוו, אופשטעלן דעם צושטערטן טראנספארט, פארווירקלעכנדיק אט די מאסמיטלען מיט א מיליטערישער גיכקייט, מיט א מיליטערישער ענערגיע, מיט א מיליטערישער דיסציפלין; באגלייך דערמיט און אין אן אומויפהערלעכן צוזאמענהאנג דערמיט פראלעטאריזירן דעם אפאראט פון דער ראטנמאכט, ארויסטרייבן פון אים דעם סאבאטאזש און דעם ביוראקראטיזם, דערגרייכן דעם מאקסימום פון ארבעט־פראדוקטיווקייט, אנשטרענגען אלע קויכעס פון לאנד, אין דער גרעסטער מאס, קעדיי ווידער אופשטעלן זיין ווירטשאפט", — אט אזוי האט לענין אין פעוראל 1920 יאר פארמולירט די אופגאבן פון דער פארטיי און פונעם ארבעטער־קלאס.

דער איבערגאנג צום לייזן די ווירטשאפטלעכע אופגאבן האט איינע־

ווייניק אין דער פארטיי ארויסגערופן א שטרייט איבער דער פראגע וועגן די מעטאדן פון פארוואלטן מיט דער אינדוסטריע. לענין באשטייט אנטשיידן אף דער נויטווענדיקייט פון איינפערזאניקער אנפירונג און פירט אן ענערגישן קאמף קעגן די אנהענגער פון קאלעגיאלקייט (ריקאוו, טאמסקי, סאפראנאוו א. א.). ער טרעט אפט ארויס וועגן דער פראגע, דערביי איז די אפאזיציע צומאל אזוי שטארק, אז לענינס שטאנדפונקט ווערט ניט אונטערגעשטיצט דורך דער מערהייט (לעמאשל, אין דער פראקציע פון אלר. פראפראט, אפן צוזאמענפאר פון די פאלקווירטראטן). ענדגילטיק ווערט דיראזיקע פראגע געלייזט אפן IX פארטיי־צוזאמענפאר, וואס איז פארגעקומען דעם 29 מארט—5 אפרעל 1920 י. לענין איז אף דעם צוזאמענפאר ארויסגעטראטן מיט א באריכט פון צ. ק. און מיט רעדעס וועגן דער ווירטשאפטלעכער בויונג און וועגן דער קאאפעראציע (לענין האט דערווידערט קעגן א מעלוכישער קאאפעראציע). די אפאזיציע, וואס האט טיילווייז געפאדערט קאלעגיאלקייט, טיילווייז אנגעגריפן די אלגעמיינע פאליטיק פון צ. ק., האט געליטן א פולשטענדיקע מאפאלע.

די שטרעבונג פון דער ראטן־רעפובליק אריבערצוגיין פון בירגערקריג צו פרידלעכער בויונג האט זיך ניט געקאנט פארווירקלעכן, ווייל סאף אפרעל האט פוילן, ניט געקוקט אף א ריי פרידלעכע פארשלאגן מיצאד דער ראטנרעגירונג, אנגעהייבן א מילכאמע קעגן ראטן־רוסלאנד, און אינגיכן איז אויסגעוואקסן די געפאר מיצאד וראנגעלן. דעריבער זיינען ביזן פארענדיקן דעם קריג מיט פוילן און ביזן ליקווידירן וראנגעלן די שוץ־פראגן ווידער געשטאנען אין צענטער פון לענינס אופמערקזאמקייט, אין צענטער פון זיינע אנגעשטרענגטסטע זארגן.

אין אפרעל—מיי 1920 י., אין פעריאד פון צוגרייטן דעם 2־טן קאנגרעס פון קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל, וואס האט זיך געעפנט אין א מאמענט פון גרעסטן אופשטייג פון דער רעוואליוציאנערער באוועגונג אין מיירעוו, אין א מאמענט פון גרעסטן איינפלוס פון קאמינטערן און פון די גרעסטע דערפאלגן פון דער רויטער ארמיי אינעם קריג מיט פוילן, שרייבט לענין די גלענצנדיקע ארבעט „די קינדער־קראנקייט פון „לינקשאפט" אינעם קאמוניזם". אין אט דעם בוך, וואס איז א

גלענצנדיק אויפקלערן די יעסוידעס פון דער מאַרקסיסטישער סטראַטעגיע און טאַקטיק, גיט לענין אַן אויסשעפּנדיקע קריטיק פון די טעאָסן פון די „לינקע" מיירעוו־אייראָפּעישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געלייקנט אין דער נויטווענדיקייט אנטיילצונעמען אין בורזשואַזע פּאַרלאַמענטן, אין רעאַקציאָנערע פּראָפאַריינען, פון די „לינקע", וואָס האָבן ניט באַנומען די נייטיקייט צו קאָמבינירן לעגאַלע און אומלעגאַלע מעטאָדן פון קאַמף, וואָס האָבן דערלאָזן אַ ריי גראָבע טאָעסן אין דער פראַגע וועגן דער פאַרהעלטעניש פון פּאַרטיי און קלאַס א. אַ. וו. אַפן געגעבענעם אַנטוויקלונג־עטאַפּ האָט דער „לינקער" אָפּגוויג פאַרגעשטעלט די גרעסטע געפאַר פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציע, און דעריבער איז לענין קעגן אים אַרויסגעטראָטן מיט דער גאַנצער אַנטשיידנקייט.

דער צווייטער קאָנגרעס פון קאָמינטערן (19 יולי—6 אַווגוסט) האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען פריער אין פּעטראָגראַד, דערנאָך אין מאָסקווע. אין די אַרבעטן פון אָט דעם קאָנגרעס האָט לענין גענומען אַ באַזונדערס טעטיקן אַנטייל. אַלע וויכטיקסטע דאָקומענטן — די רעזאָליוציעס און די טעזיסן פונעם קאָנגרעס געהערן לענינס פּען: אין דער אַגראַר־פראַגע; די אויפנעם־באַדינגונגען אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָבן אַנטשיידן פאַרשפאַרט דעם צוטריט אין קאָמינטערן פאַר אַלע יענע גרופּעס און שטרעמונגען, בא וועלכע ס'זיינען נאָך פאַרבליבן עלעמענטן פון רעפאָרמיזם און אָפּאָרטוניזם; אין דער נאַציאָנאַלער און קאָלאָניאַלער פראַגע; די טעזיסן איבער די גרונט־אויפגאַבן פון 2־טן קאָנגרעס. לענין האָט אויך גענומען אַן אָנפירנדיקן אַנטייל אינעם צונויפשטעלן די רעזאָליוציע „וועגן דער ראָליע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע". אַפן קאָנגרעס גופא איז לענין אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּאָרטראַג וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע און וועגן דער נאַציאָנאַל־קאָלאָניאַלער פראַגע, ווי אויך מיט עטלעכע רעדעס וועגן אַנדערע פראַגן, פירנדיק אַ קאַמף קעגן די פאַרשטייער פון די דייטשישע „אומאָפּהענגיקע", וואָס זיינען בייגעווען אַפן קאָנגרעס, און קעגן די „לינקע". אונטער לענינס אָנפירונג האָט דער קאָנגרעס אויסגעבעסערט די טאָעסן פון די לינקע און האָט געשאַפן אַ אידעישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע באַהעפטקייט פון די

פארטייען, וואס געהערן דעם קאמינטערן. נאכן קאנגרעס פארטיידיקט לענין אין א בריוו צו די דייטשישע און פראנצויזישע ארבעטער און אינעם ארטיקל „פאלשע דיבורים וועגן פרייהייט" (נאיאבער—דעקאבער 1920 י.) די „21 באדינגונגען" פונעם קאמינטערן (די אופנעם־באדינגונגען אין קאמינטערן) און פאדערט, אז די רעוואליוציאנערע פארטייען זאלן פולשטענדיק איינרייסן מיט די רעפארמיסטן און אפארטוניסטן.

אין צוזאמענהאנג מיטן ליקווידירן ווראנגעלן און מיטן פארענדיקן דעם קריג מיט פוילן שטייען אין צענטער פון לענינס אופמערקזאמקייט, פון אנהייב 1920 יאר אן, די פראגן פון ווירטשאפטלעכער בויונג. אין א ריי רעדעס, פון וועלכע מע דארף באזונדערס פארצייכענען דעם פארטראג אין נאמען פון דער רעגירונג אפן 8־טן ראטן־צוזאמענפאר (דעקאבער 1920 י.) ארבעט לענין פאנאנדער א גאנצע סיסטעם עקאנאמישע מאסמיטלען, וואס דארפן אופשטעלן די פאלקווירטשאפט, וועלכע איז צושטערט געווארן דורך דער אימפעריאליסטישער מילכאמע און דורכן בירגער־קריג. אלס יעסאד פונעם פלאן ווערט גענומען די אופגאבע פון עלעקטריפיצירן דאס לאנד („קאמוניזם דאס איז ראטנמאכט פליוס עלעקטריפיקאציע פון גאנצן לאנד"). האלטנדיק פאר זייער וויכטיק דאס צוציען אויסלענדישן קאפיטאל צום ווידערופבוי פון דער ראטן־רעפובליק, רוקט לענין ארויס די פראגע וועגן קאנצעסיעס, באלייכטנדיק און פראפאגאנדירנדיק די קאנצעסיע־פאליטיק פון דער פארטיי אין א ריי גרויסע רעדעס. צוגלייך דערמיט גיט לענין אפ אסאך אופמערקזאמקייט די מאסמיטלען אף צו פארשטארקן און אנטוויקלען די לאנדווירטשאפט און אף העלפן דעם פויערטום און שטרייכט אונטער די נייטיקייט צו פארבעסערן דעם ראטן־אפאראט און צו קעמפן קעגן ביוראקראטיזם. כויץ ריין־ווירטשאפטלעכע פראגן, גיט לענין אפ אינעם פעריאד פון איבערגאנג צו דער נייער עקאנאמישער פאליטיק אסאך אופמערקזאמקייט אויך דער פראגע פון פאלקבילדונג.

דער איבערגאנג פונעם בירגער־קריג צו פרידלעכער בויונג, פון די מעטאדן פון קריגס־קאמוניזם צו דער נייער עקאנאמישער פאליטיק (סאף 1920 י.—אנהייב 1921 י.) איז באגלייט געווען פון אן אויסערגעוויינטלעך שווערן קריזיס פון דער פארטיי, בעיס וועלכן ס'איז אין

איר אופגײַמען אַ רײ פֿראַקציעס און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שאַרפֿער פֿראַקציאָנעלער קאַמף. צוערשט (האַרבסט 1920 י. — אָנהייב ווינטער) האָט דער אינערלעכ־פּאַרטעיִשער קאַמף געדרייט זיך, דעריקער, אַרום רייִן־פּאַרטעיִשע פֿראַגן (האָס אַנטקעגנשטעלן די „אויבערשטע" קעגן די „אונטערשטע"). דער קאַמף קעגן דער אָפּאָזיציע אין דער מאָסקווער אָרגאַניזאַציע, וווּ די אָפּאָזיציע איז געווען באַזונדערס שטאַרק, איז פֿאָרגעקומען אונטער לענינס אומיטלבאַרער אָנפֿירונג. שפּעטער האָט דער אינערלעכ־פּאַרטעיִשער קאַמף אָנגענומען די פֿאָרם פֿון אַ פֿאַרביסענער דיסקוסיע איבער דער פֿראַגע וועגן דער ראָליע און די אויפֿגאַבן פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען. נאָכדעם ווי לענינס אומזיסטע פּרווו אויסצומײַדן אַ דיסקוסיע און אַזוי אַרום אײַנצושפּאָרן די קרעפֿטן פֿון דער פּאַרטיי, ווען טראָצקי האָט אָנגעהויבן אַ פֿראַקציאָנעלן קאַמף, אַרויסרוקנדיק דעם לאָזונג פֿון מעלוכישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען, האָט זיך אַ טייל פֿון צ. ק. מיט לענינען בעראָש (זינאָוויעוו, סטאַלין א. א.) נאָך אַ דויערנדיקן קאַמף אײַנגעגעבן צו באַהעפֿטן די מערהייט פֿון דער פּאַרטיי אַף אַ פּלאַטפֿאָרם, וואָס האָט ריכטיק דיסקאָנטירט די נייטיקייט אָפּצוזאָגן זיך פֿון פֿאָרזעצן ווײַטער די מעטאָדן פֿון קריגס־קאָמוניזם בענוגייע צו די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען און וואָס האָט פֿאָרמולירט די אויפֿגאַבן פֿון די פּראָפֿפֿאַריינען אין העסקעם מיט די באַדינגונגען פֿון דער פֿרידלעכער ווירטשאַפֿטלעכער בוייונג. ניט קוקנדיק אַף זײַן קראַנקייט, ווײַזט לענין אַרויס אַ גרויסע אַקטיווקייט אין אַט דער דיסקוסיע: ער שרייבט אַסאַך און טרעט אַרויס קעגן דער פּלאַטפֿאָרם פֿון טראָצקי־בוכאַרין, קעגן דער אַרבעטער־אָפּאָזיציע, קעגן דעם דעמאָקראַטישן צענטראַליזם א. א. („וועגן די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען, וועגן לויפֿנדיקן מאָמענט און וועגן די טאָעסן פֿון כ' טראָצקי", „דער קריזיס פֿון דער פּאַרטיי", „נאָכאַמאָל וועגן די פּראָפֿפֿאַריינען, וועגן לויפֿנדיקן מאָמענט און וועגן די טאָעסן פֿון טראָצקי און בוכאַרין". אין מאַרט 1921 י., אינעם פּעריאָד פֿון קראָנשטאַטער אופֿשטאַנד, פֿאַרווירקלעכט די פּאַרטיי אַפֿן 10־טן צוזאַמענפֿאָר אונטער לענינס אָנפֿירונג און לויט זײַן איניציאַטיוו דעם איבערגאַנג צו דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. לענין איז דער באַגײַסטערער און דער באַשאַפֿער פֿון דעראָזיקער

פּאָליטיק, וואָס איר אופגאַבע איז באַשטאַנען אין אײַנהײטן די מעלוכע־
מאַכט באַם פּראָלעטאַריאַט און אין אופשטעלן די גרויס־אינדוסטריע,
אָט דעם אײַנציקן יעסאָד פון סאָציאַליזם, דורך אַן אויסגלײַך מיטן
מיטלפּויער, דורך פאַרבײַטן דעם מויסרעס־אָפּנעם מיט שטײַער און געבן
דעם קלײנעם סכוירע־פּראָדוצירער אומזאַץ־פרײַהייט. אַדאַנק דער נײַער
עקאָנאָמישער פּאָליטיק איז אופגעשטעלט געוואָרן דער בונד צווישן דעם
פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום, און די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט
איז אַרויס בעשאָלעם פון סאַמע שווערן קריזיס, וואָס די ראַטנמאַכט
האָט איבערגעלעבט זינט אָקטיאַבער. לענין איז אָפּן צוזאַמענפאָר אַרויס־
געטראָטן מיט אַ באַריכט פון צ. ק., מיט פאָרטראָגן וועגן דעם נאַטוראַל־
שטײַער, וועגן דער אײנהײט פון דער פּאַרטיי און דעם אַנאַרכאָ־סינ־
דיקאַליסטישן אָפּנויג און מיט אַ רעדע וועגן די פּראָפּאַרײַנען. לויט
לענינס פאָרשלאַג האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען רעזאָליוציעס, וואָס
האָבן אַנערקענט פאַר אומעגלעך אָנגעהערן דער פּאַרטיי און פּראָפּאַ־
גאַנדירן אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע אָנשויונגען און וואָס האָבן געפאָדערט
טייקעף פאַנאַנדערצולאָזן אַלע פראַקציעס אונטער דער דראָונג, אויס־
צושליסן פון דער פּאַרטיי. אַדאַנק לענינס פעסטקייט האָט זיך אײַנ־
געגעבן אײַנצוהיטן די פּאַרטיי־אײנהייט, וואָס איז געווען אין אַן
ערנסטער געפאַר אינעם פעריאָד פון פראַקציאָנעלן קאַמף.

נאָכן ליקווידירן דעם קראָנשטאַטער אופשטאַנד און נאָך דעם ווי
עס האָט זיך פאַרענדיקט דער 10־טער צוזאַמענפאָר האָט לענין קאָנ־
צענטרירט זײַן גאַנצע אופמערקזאַמקייט אָפּן אַלזײַטיקן באַגרינדן און
אופקלערן די נײַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, איר זין און באַדײַטונג, און
אָפּן פאַנאַנדערארבעטן פראַקטישע מאָסמיטלען אַף פאַרשיידענע געביטן
פון דער פאָלקווירטשאַפט, אַלס אַנטוויקלונג פון די גרונט־פּרינציפּן פון
דער נײַער פּאָליטיק. אַ גרויסע באַדײַטונג האָבן לענינס רעדעס וועגן
דעם דערנערונג־שטײַער אַף דער פאַרזאַמלונג פון מאָסקווער אַקטיוו דעם
9 אַפּרעל און אַף דער אַלרוסלענדישער פּאַרטיי־קאָנפערענץ דעם 26—27
מיי, און באַזונדערס די בראָשור „וועגן דערנערונג־שטײַער“ (די באַ־
דײַטונג פון דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק און אירע באַדינגונגען),
און אויך „דער אָנזאָג דעם ראַט פאַר אַרבעט און שוץ“.

אין יוני—יולי 1921 י. פירט לענין אָן מיט די אַרבעטן פון 3־טן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און טרעט אַרויס אַף אים מיט אַ פאָרטראַג וועגן דער נייער עקאָנאָמישער פאָליטיק. אַ באַזונדערע אופמערקזאַמקייט גיט לענין אָפ דעם קריזיס אין דער דייטשישער קאָמפאַרטיי, וואָס איז אַנטשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מאַפּאָלע פונעם דייטשישן פראָלעטאַריאַט אין מאַרט 1921 י., און נאָכן צוזאַמענפאָר ווענדעט זיך לענין צו די דייטשישע קאָמוניסטן מיט אַ ספּעציעלן בריוו, וווּ ער שטרייכט אונטער, אַז די קאָמפּאַרטיי מוז דעראָבערן אַ מערהייט אינעם אַרבעטער־קלאַס. אַפן קאָנגרעס גופע פירט לענין אָן ענערגישן קאַמף קעגן לינקן אַפּנויג, וועלכער האָט געפּריידיקט די טעאָריע פון אַ פּערמאַנענטער אָפענסיווע.

אין מעשעך פון דער צווייטער העלפט 1921 י. און אָנהויב 1922 י. שטייען, ווי פריער, אינעם צענטער פון לענינס אופמערקזאַמקייט די פראַגן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק (אַרטיקלען: „נייע צייטן, אַלטע טאָעסן אין אַ נייער פאָרם", „צום 4־טן יאָרצייט פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע", „וועגן דער באַדייטונג פון גאָלד איצט און נאָכן פולשטענדיקן ניצאָכן פון סאָציאַליזם", רעדעס און פאָרטראַגן אַפן 2־טן אַלרוסלענדישן פּאָליטופּקלער־צוזאַמענפאָר אין אָקטיאַבער 1921 י., אַף דער מאָסקווער פּאַרטיי־קאָנפערענץ — אויך אין אָקטיאַבער, אַפן 9־טן ראַטן־צוזאַמענפאָר — אין דעקאַבער). קעסיידער אַנאַליזירנדיק דעם טאָך פון דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק און דעם בילעס צווישן איר און די מעטאָדן פון קריגס־קאָמוניזם, אָנווייזנדיק אַף די שוועריקייטן און געפאַרן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן דערלאָזן די פרייהייט פאַרן האַנדל, ד. ה. אויך די פרייהייט פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין געוויסע גרענעצן, פאָרמולירט לענין אַלזייטיק די אופגאַבן, וואָס שטייען פאַר דער פּאַרטיי אַפן געביט פון ווירטשאַפטלעכער בויונג (באַזונדערס דעם לאָזונג „לערנט זיך האַנדלען"). דאָס, וואָס די פאָרמען פון דער סאָציאַליסטישער בויונג האָבן זיך געענדערט, האָט אויך געענדערט די לאַגע די פראָפאַריינען; דעריבער פאָרמולירט לענין אין ספּעציעלע טעזיסן די נייע אופגאַבן פון די פראָפאַריינען, וואָס דרינגען אַרויס פון די באַדינגונגען פון דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק.

סאָף 1921 י.—אָנהייב 1922 י. האָבן זיך ארויסגעוויזן סימפּטאָמען פון לענינס ערנסטער שלאָפקייט: ער איז אַלץ אָפטער געצוווּנגען אי־בערצוּרייסן זיין ארבעט.

דעם 6 מאַרט 1922 י. טרעט לענין אַרויס מיט אַ רעדע אַף דער פראַקציע פונעם מעטאַליסטן־צוזאַמענפאָר; אין דערדאָזיקער רעדע מעלדעט ער וועגן אָפּשטעלן דעם צוריקטריט, וואָס די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן אַף איר 10־טן צוזאַמענפאָר. צו דעמזעלבן פּעריאָד געהערן לענינס גרויסע אַרטיקלען „וועגן דער באַדייטונג פון קריגערישן מאַטע־ריאַליזם“ און „נאָטיצן פון אַ פּובליציסט“. דעם 27 מאַרט—2 אַפּרעל, ווען לענין האָט זיך נאָך ניט געהאַט פּאַריכט פון זיין קראַנקייט, קומט פאָר אונטער זיין אָנפירונג דעם 11־טער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, ווו לענין טרעט אַרויס מיטן באַריכט פון צ. ק. אין זיין גרויסער רעדע, ווו ער האָט אונטערגעפירט סאַכאַקלען פונעם ערשטן יאָר פון דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, ווייזט לענין אָן אַף דער נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ צוזאַמענשלוס מיט דער פויערשער עקאָנאָמיק און שטרייכט פונדאַסניי אונטער, אַז דאָס „אָפּטרעטן האָט זיך פאַרענדיקט“ און אַז אין צוזאַמענהאַנג דערמיט שטייען פאַר דער פּאַרטיי נייע אופגאַבן. „דער איקער איז דערביי—זאָגט לענין באַם שליסן דעם צוזאַמענפאָר—באַ־וועגן זיך איצט פאָרויס מיט אַן אומפאַרגלייכלעך ברייטערער און מעכ־טיקערער מאסע, ניט אַנדערש ווי צוזאַמען מיטן פויערטום, דערווייזנדיק אים מיט מייסים, אין דער פּראַקטיק, דורך דער דערפאַרונג, אַז מיר לערנען זיך און מיר וועלן זיך אויסלערנען צו העלפן אים, צו פירן אים פאָרויס“.

לענינס קראַנקייט, סקלעראָז פון מאַרך, האָט זיך אַלץ ווייטער אַנט־וויקלט. ניט קוקנדיק אַף דער קראַנקייט, גיט לענין ווייטער דירעקטיוון דער פּאַרטיי און דעם קאָמינטערן אין אַ ריי וויכטיקסטע פראַגן („מיר האָבן צו טייער באַצאָלט“, „וועגן צווייענדיקן אונטערוואַרפן זיך און געזעצלעכקייט“), ער דיקטירט אַרטיקלען פאַר דער „פּראַוודאַ“, בריוו, און אַרבעט אַסאַך איבער דער פראַגע וועגן אָרגאַניזירן דעם אַפּאַראַט פון ראַטפּאָלקאָם.

11־טן צוזאמענפאר — דאס געווען דער צוזאמענפאר, אף וועלכן לענין איז ארויסגעטראטן. דער גאנג פון לענינס קראנקייט אנגעקומען א פארערגערונג, און צו מיי איז פארגעקומען דער ערשטער בלוט־אויסגוס אין מארך. אין משך פון זומער איז לענין אביסל געקומען צו זיך און אין האַרבסט (דעם 2 אקטאבער) איז ער ווידער צוגעטראטן צו דער ארבעט אין ראט־פאלקאם און צ. ק., אבער שוין ניט אין דער פולער מאס און ניט אף לאנג. אף דער ערשטער זיצונג פון ראטפאלקאם, וואס איז פארגעקומען אונטער לענינס פארזיץ, פירט ער דורך א באשלוס וועגן אפווארפן אורקווארטס קאנצעסיע, געפינענדיק, אז דעם קאנצעסיאנערס באדינגונגען זיינען ניט־אנעמלעך פאר דער ראטן־רעפובליק. דעם 31 אקטיאבער טרעט לענין ארויס מיט א רעדע אף דער סעסיע פון אצא״ק. דעם 18 נאיאבער האלט ער א פארטראג אפן 4־טן קאנגרעס פון קאמינטערן, אף דער טעמע „פינף יאר רוסישע רעוואליוציע און די פערספעקטיוון פון דער וועלט־רעוואליוציע”. דעם 20 נאיאבער טרעט לענין ארויס מיט דער באוווסטער רעדע אפן פלענום פון מאסקווער ראט (דאס איז געווען זיין לעצטע רעדע), וו ער גיט דעם לאזונג פון פארוואנדלען דאס נעפישע רוסלאנד אין א סאציאליסטיש. לענין האט בעדייע געהאט ארויסצוטרעטן מיט א פארטראג אפן 10־טן ראטן־צוזאמענפאר און האט זיך דערצו ענערגיש געגרייט, אבער די ווייטערדיקע אנטוויקלונג פון זיין קראנקייט האט געצוווּנגען לענינען אפצוזאגן זיך פון דער קאוואנע.

דעם 16 דעקאבער 1922 י. איז פארגעקומען א צווייטער בלוט־אויסגוס אין מארך, וואס האט פאראליזירט די רעכטע האנט און די רעכטע פוס און געצווונגען לענינען אוועקלייגן זיך אף לאנג אין בעט. ניט געקוקט אף זיין אויסערסט שווערן צושטאנד, הערט לענין ניט אוף צו דייגען וועגן די איניאנים פון דער פארטיי און מעלוכע. ניט זייענדיק אימשטאנד צו שרייבן, נוצט ער אוים יעדע רעגע, וואס די דאקטוירים דערלויבן אים, צו דיקטירן א ריי וווּנדערלעכע לויט זייער געדאנקען־טיפקייט ארטיקלען („זייטלעך פון א טאגבוך”, „וועגן דער קאאפעראציע”, „וועגן אונדזער רעוואליוציע”, „ווי אזוי זאלן מיר רעארגאניזירן די ארבעטער־פויערשע אינספעקציע”, „בעסער ווייניקער, אבער בעסער”),

ך די וויכטיקסטע פּאָליטישע ... עטיקייט פון דער פּאַרטיי. אָנווייזנדיק, ... י, ... אָס איז נויטיק און גענוג אַף... אויסבוי ... ע געזעלשאַפט", אַרבעט לענין דערנאָך אויס ... נצע פּראָ־ ... פון קאַמף פאַרן אופבוי פון סאָציאַליזם, וועלכע ווייזט אָן אַף דער נויטווענדיקייט איינצוהיטן די אָנפירנדיקע ראָליע פונעם פּראָלע־טאַריאַט, צו אַנטוויקלען די קאָאָפּעראַציע אַלס דעם גרונט־הויבער פאַר דעם סאָציאַליסטישן איבערבוי פון דער דריבנער פּויערשער ווירטשאַפט, אַף דער נויטווענדיקייט פון דער גרויסער מאַשין־אינדוסטריע, עלעקטרי־פיקאַציע, באַנייען דעם מעלוכע־אַפּאַראַט און קעמפן קעגן ביוראָקראַ־טיזם, פאַרווירקלעכן די קולטור־רעוואָליוציע א. א.

דעם 9 מאַרט 1923 י. איז ווידער פּאָרגעקומען א בלוט־אויסגוס, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז לענין האָט פאַרלאָרן דעם לאָשן. וול־אילימשס לאַגע, האָט זיך געדוכט, איז האָפענונגלאָז. אין א שווערן צושטאַנד האָט מען אים אַריבערגעפירט קיין גאָרקי (א געוועזענער מאַיאָנטעק, 30 וויאָרסט פון מאָסקווע). נאָך לאַנגדויערנדיקע, אכזאָר־יעסדיקע ייסורים איז געקומען א געוויסע בעסערונג. ס'האָט זיך באַוויזן א האָפענונג, אַז לענין וועט געזונט ווערן. עס איז ניט געווען אין 1923 יאָר אין דער גאַנצער ראַטן־רעפּובליק קיין איין איינציקע אַרבעטערשע אָדער פּויערשע פאַרזאַמלונג, געווידמעט וועלכער ס'זאָל ניט זיין פראַגע, ווו מ'זאָל ניט האָבן דערלאַנגט צענדליקער צעטלען מיט אָנפראַגעס וועגן לענינס געזונט־צושטאַנד. דערביי איז אָבער די דערמאַנטע בעסע־רונג געווען בלויז א שיינבאַרע. די קראַנקייט האָט ניט אופגעהערט צו צעשטערן לענינס מאַרך. דעם 21 יאַנוואַר 1924 י. איז פּלוצלינג אָנגע־קומען א שאַרפע פאַרערגערונג, ס'איז פּאָרגעקומען א נייער בלוט־אויס־גוס, און 6 אַזייגער מיט 50 מינוט אינאָוונט איז לענין געשטאָרבן.

לענינס טויט האָט געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק אין דער גאַנ־צער וועלט. דער אַרבעטער־קלאַס פון ראַטנפאַרבאַנד האָט אַף לענינס טויט געענטפערט מיטן אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי פון צוויי הונדערט טויזנט פּראָלעטאַריער. לענינס לעוויע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א גוואַלדיקע, גראַנדיעזע מאַניפעסטאַציע פון טיפסטן צאַאר פון מיליאָנען